STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02794

A LEBN GEYT OYF

Sh. Berlinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. בערלינסקי

א לעבן גייט אויף

ארויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון פען-קלוב

וואַרשע דעצעמבער 1937

Printed in Poland

SZ. BERLIŃSKI:
ŻYCIE SIĘ RODZI
Adres: W-wa, Nowolipki 36 m. 14

Nakładem autora przy udziale PEN-Klubu Żyd. w Warszawie

געזעצט ביי ר. ראָטענבערג, פראַנציסקאַנסקאַ 18

הילע און צייכנונגען פון מענדל רייף

Druk. „Grafia" W-wa Nowolipki 7

~~12754126~~

שיינדעלען — אַ מתנה

מײַן סבֿיבֿה

(אַרײַנפֿיר)

I

װײַבער

איך האָב זיך געהאָדעװעט צװישן פֿרױען מיט הענט אױפֿגעלאָפֿענע מיט בלאָזן פֿון כלאָריק, עסנדיקער זאָדע, פֿון דרענגען און רײַבן אױף סענקעװאַטע װאַש־ברעטלעך.

די פֿיגער — אײבּיק צעשעקעטע פֿון שײלן קאַרטאָפֿל, פֿון רײַבאײַזנס. מאַטע נעגל, אױסגעװײקטע, װאָס האָבן אָפּטמאָל, נאָך אַן אַרבעט, אױסגעזעען פֿלעקיק, װי בײַ אַ טױטן.

פֿיגורן — צעבױגענע איבער באַליעס װעש, מיט צעגראַטשעטע פֿיס, אַנידערגעקאַטשעט, װי די קװאָקעס, בײַם װײשן די דילן, פּוצן די שױבן.

די לײַבער, װאָס זײ פֿלעגן אַנטבלױזן בײַם זױגן אַ קינד — אײַנגעפֿאַלענע; די בײנער־קאַרקן — איבערגעצױגן מיט אַ דינער הױט, װי בײַ דאַרע פֿערד. ברוסטן — לײדיקע טאָרבעס, װאָס בײַם שטופּן זײ אין מײַלכל אַרײַן פֿון קינד, פֿלעגן די מאַמעס שטענדיק צו זאָגן: „ס׳גאָגט, ס׳גאָגט, כ׳האָב עס נישט װאָס צו געבן“.

נאָר אױגן — צעצונדענע, בײז־פֿלעמלדיקע, װאָס אין אײן מינוט האָבן זײ געקענט שײַנען פֿאַר גליק און גלײַך זיך צעשפּיזן. דאָס אײגענע מיט זײער שטים: די האַרציקסטע טענער, פֿאַלן אױף יענעם און קױשן, װײנען פֿאַר דער מינדסטער עװלה, װאָס

איז קעגן ווען באגאנגען געוואָרן. טאָמער עפּעס וואָס, — זאָל זיך די ערד אונטער יענעם שפּאַלטן און ער זאָל איינגעזונקען ווערן.

און ריחות, ריחות האָבן זיי מיטגעטראָגן פון פאַרדומפּענע קעלערס, פאַרלעגן גרעט, חלבן פּרעגלעכץ.

די, וועלכע פלעגן שבת אַהיימקומען פון די נגידישע פּעטע קיכן, האָבן מיטגעבראַכט געריכן פון ברוט־יויך, געוויקלטע פליישן, וואָס אין אונזערע פּאָסנע שטיבן האָבן זיי אַ נודזעכץ אַרויסגערופן.

אַרומגערינגלט מיט קינדער זענען זיי געווען ביים זיצן, גיין, ביים שלאָפן, ווי אַ צויג מיט די הינטעלעך.

די זייגנדיקע זענען געלעגן אין זייערע שויסן, מיט די אָנגעצייניקע גומענדלעך געדריקט די וואָרצלען און געזאָגט, געזאָגט פון זיי, ביז די אָדערן זענען נישט איינמאָל ביי די מאַמעס געבליבן שטיין, ווי די ריטלעך ביי אַן אויסגעטריקנטן טייך. די קריכנדיקע — ביי די קליידער זיך מיטגעשלעפּט, און די גייענדיקע — נאָכגעלאָפן אויף די מערק, אין די געוועלבער אַריין ביים איינקויפן. שטייענדיק אין פרעמדן אָרט, פלעגן זיי זיך איינגעוויקלען אין זייערע פאַרטיכער, שטופן זיך אונטער זיי, ווי די הינדעלעך אונטער דער קוואָקע.

זייער יעדעס תאווה־געפיל, וואָס האָט זיך געבלעזלט אויף דער פלאַך פון דעם לעבן, איז אויסגעקומען אַ פאַרשייטקייט, אויסגעלאַסן. „ווי דאָס קריגט דאָס די ניכפּה נאָך אַ מאַנספּערשוין״, „זי שלינגט דאָך זיי מיט די אויגן״ — פלעגט מען אַזאַ איינע נאָכטייטלען. מיט זייער פרייעלעכקייט האָבן זיי זיך געדאַרפן אויסבאַהאַלטן, נישט מען זאָל זיי הערן לאַכן, נישט זינגען.

די מענער—אין זייערע ד׳ אמות נישט געטאָרט אַריינקומען, ביי די נעמען זיי נישט אָנגערופן: „ווי הייסט זי דאָרט?״— פלעגן זיי זיך צו זיי ווענדן. צווישן צוויי פרויען האָבן זיי

Free Public Library, Newark, N. J.

אויסגעמיטן דורכצוגיין, פונקט ווי צווישן צוויי הינט, — מען טאָר נישט.

די ווייבער פלעגן זיך אָפּקערן אין אַ זייט, דעם וועג אָפּטרעטן, ווען אַ מאַנספּאַרשוין איז זיי אַקעגנגעקומען.

דאָס רוב פון די חתונה־געהאַטע — אַן אייביקע שנאה צו די מענער געפילט. „מאַנער קען נאָך מיר די פּלאַץ קריגן" — פלעגן זיי שמועסן צווישן זיך — יאַך בין אים שוין נישט קיין ווייב יאָרן, דעם הינטאָל".

און די מיידלעך — אַ קלאָפּאָט, ביז מען האָט זיי באַשטאַט צו מענער. אויף דעם אויפגיין פון זייערע יאָרן האָט מען מיט מורא געקוקט, ווי אויף דעם אויפגאַנג פון אַ בייל. „ווער ווייס, צו וואָס „דאָס" וועט אויסגיין", — האָט מען גערעדט פון די בעטן אַרויס אויף יעדן דערוואַקסענעם מיידל.

האָבן זיי זיך געפונען איבעריקע, אַ באַלאַסט.

זייער קומען אויף דער וועלט איז דערוואַרט געוואָרן מיט אַנגסט, מיט שטעכווערטלעך. געווען פאַלן אַפילו פון צעשיידן זיך פון מאַן און ווייב, ווען ביי זיי זענען כסדר מיידלעך אויף דער וועלט געפאַלן.

II

מענער

די מענער—וואָרצלען, וואָס מען קאָפּעט פון דער ערד אַרויס— אָזעלכע ווילד באוואקסענע, צעפּאטלטע קעפּ האָבן זיי געהאַט.

בעזימלעך שטשעטשינעס פלעגן זיי אַרויסשטארצן פון די נאָז־לעכער, פון די אויערן־לעפּלעך. אויף די קארקעס — קלעמפּעס מאָך. און די פּנימער — פאַרכאַפּט פון בערד און פּאות, אַז דער מויל־שניט איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם האָר־וואַלד, און ס׳האָט זיך נאָר אַרויסגעזען אַן אומהיימלעך גריבל בעת עס האָט זיך געעפנט צום עסן אָדער רעדן. די אויגן — אויסגעבעט געלעגן אונטער צעפלאָשעטע הויכע ברעמען, ווי אין נעסטן, און אַפּערגעקוקט אויף דער וועלט.

איבער די פאַרברוינטע פּנימער איז דער לעבנס־יאָך דורך מיט זיין אַקער און בייטן צעלייגט אויף די שטערנס, ביי די מויל־ווינקלען, אַרום די אויגן־אויסהוילונגען.

געלעגן איז ער זיי, דער יאָך, אויף די העלזע־, ווי אויפן אָקס ביי דער ארבעט. זיי זענען געגאַנגען מיט איינגעבויגענע קעפּ, די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל און אַזוי געשפּאַנט, ווי עס וואָלט זיי ווער ביי לייצעס געצויגן. נאָר אין באַשטימטע שעהן פלעגן זיי זיצן ביי אָפענע גרויסע גמרות, אַראָפּגלעטן יעדע האָר פון באָרד און פּאות, ווי פון אַ טייער געוועב. און מיט

זייערע שטרענגע שטימען געפסקנט: חייב אָדער זכאי, און מתה אפילו דורך סקילה, שרפה, הרג, וחנק.

זייער הלבשה — ווי דאָס געמיט, וואָס האָט פון זיי געשלאָגן — איז געווען שוואַרץ: שוואַרצע טיכענע היטלען, שוואַרצע יופּעצעס, און שוואַרצע שטיוואַלעס; שבת און יום-טוב איז די שוואַרצקייט נאָך פאַרטיפט געוואָרן: סאַמעט, אַטלעס, וואָס האָט געגלאַנצט פון זיי, ווי שוואַרצע שפּיגלען. פון דער שוואַרצקייט אַרויס האָבן זיי בײַ זייערע תפילות אויסגעשטרעקט די הענט געטאָפּעט מיט די פיס און געשריגן ווי פאַרמשפּטע: „אוי טאַטע אין הימל, העלף!"

דאָס ווייסקייט, וואָס זיי פלעגן ווען אָנטון אויף זיך: טליתים, קיטלען, אין גאָר געהויבענע מאָמענטן, האָט געדאַרפט דערמאָנען אָן טויט, אין תכריכים, אין פאַרגענגלעכקייט, אין הבל הבלים.

און דאָך פלעגן זיי אין פרייִלעכע יום-טובים, אויף שמחות צעטאַנצן זיך, אַז די ערד האָט געשפּרונגען אונטער זייער פיס, מיט די קעפּ געוואָרפן און פאַרוואָרפן די וועלט; געזונגען ביז הייזעריק ווערן, ביז אויסצודרענגען דאָס העמד פון לײַב. און געטאַנצט — אויף טישן, אויף בענק, נאָר די וועלט איבערצוקערן פאַר גרויס פרייד.

אין גאַס ביים אָפּזוכן די חיונה בײַ קלאַפּטערס האָלץ, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט פּריצים, בײַ מעקלערייִ, פלעגן זיי, ווי די געשלאָגענע הינט מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויערן, פון דער ווייטנס זיך דרייען פאַר זייערע גנעדיקע; מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן נאָכן אַראָפּציִען דאָס היטל, ביז מען וועט זיי נישט געבן קיין צייכן. נאָר אין דער היים — דעם „גוטן-אָוונט", דעם „גוט-שבת" פאַלן געלאָזט מעשה בעל-הבית, נישט דאַרט צו זייניקע, נאָר אין חלל אַ־יין פון שטוב.

בײַ זייער פאַרבייגייען — פלעגן אָפּטרעטן דעם וועג ווײַב

און קינד. און בײַם זיצן — אַן אויבן אָן געמוזט זײַן, וואָס קיינער האָט נישט געטאָרט פאַרנעמען דאָס אָרט.

אַז עס פלעגט אויסברעכן אַ מחלוקה אין שטוב, זענען די קינדער אונטער די מאַמעס געלאָפן צו שיצן זיך פאַר די שטראָף פון די טאַטעס. נאָר האָט חלילה אַן אומגליק געטראָפן — אַ קרענק, פלעגן זיי זיך אַרומדרייען, די מאַנספערשוינען, פאַרזאָרגטע, שטומען, ווי די שאָטנס פאַר די בעטן פון די חולאים און גריזשען פאַר צער די בערד. און ס׳האָט זיך ערשט געזען וויפל ליבשאַפט עס איז געווען איינגעבאַקן אין די פאַרשלאָסענע הערצער צו די אָרומיקע.

א.

אַהיימגעשיקט פון חדר

נאָך אַ גאַנצן ווינטער, ווען אונזער געזינדל — צוויי קינדער נאָך מיר — זענען גאַנצע טעג געלעגן אין די בעטן אונטער די שפּיזן פון דער פראָסט, וועלכע האָבן באַוואַקסט אונזער שטיבל, איז אין איין טאָג צוגעקומען דער דריטער.

דער רבי האָט מיך אַרויסגערופן פון אַלע יינגלעך פון אונטער דער באַנק אַפער און האָט מיך אַהיימגעשיקט מיט אַ ברענענדיקער באַליידיקונג: „גיי דאָ (דיר), יאַך קאָן נישט האַלטן קאַ יונגען בחנם“.

מיטן פאַרלאָזן דאָס חדר בין איך געוואָרן אַוועקגעשניטן פון מיין פריערדיקן שטייגער: טעג אַריינגעטון אין אַ לערנען פון געבאָטן, וואָרנונגען און שטראָפן; אַ קליין חדרל מיט הילצערנע בענק, צעזייעטע איינס ביי איינס, ווי די בייטן, וואָס דאַרינקע יינגלעך האָבן זיך אויף זיי געשאָקלט, געוואָרפן מיט די קעפּלעך — זאַנגען אויפן פעלד.

אויף דער וואַנט — אַ פּאָרטרעט פון רוסישן קייסער מיט דער קייסערינע און דעם „נאַסליעדניק“ אויף זייער שויס.

דער דאָזיקער פרעמד-פאַרביקער פלעק פון שליפּעס און אָרדערס אויף די ליימיקע ווענט פון אונזער חדרל, האָט זיך

אויף אונז ייִנגלעך שרעקנדיק געוואָרפֿן, אַז מיר האָבן מורא געהאַט איינקוקן זיך אין אים.

אַ קליין פֿענסטערל מיט געשטוקעוועטע שייבלעך איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ סאָד אַריין. און אַ פֿייפֿנדיקער ווינט האָט דאָ צערומגעבריִלט אין די כמאַריקע טעג, צווישן די נאַקעטע ביימער און זיי געשטויסן, געוואָרפֿן זייערע אברים.

מיר האָט זיך אין אַ עלכע טעג אויסגעוויזן, אַז די זיך טרייסלענדיקע צווייגן מיט דער שוואַרץ־צעשפּאָלטענער הויט, זענען אויסגעשטרעקטע הענט פֿון פֿאַרמשפּטע, פֿון געפּייניקטע.

איך בין אויך אַוועקגענומען געוואָרן פֿון מיינע חברים, מיט וועלכע איך פֿלעג בעתן אַרויסדרייען זיך פֿון לערנען, ווען דער רבי האָט נאָר פֿאַרזעען, אויסלאָדן דעם שטיפֿער: מיט מייזעלעך געמאַכטע פֿון אַ גאָז־טיכל, וואָס מיר האָבן אונטער דער באַנק איבערגעשיקט פֿון איינעם צום אַנדערן; פֿייגעלעך, שלאַנגען, פֿערדלעך — פֿון פּאַפּיר; איבערן וועג אַהיים — אָפּלאָזן שיפֿלעך אויף לאַנגע סטענגעס וואַסערלעך, וואָס וועלן אַוודאי דערגיין ביזן סמבטיון, אָדער ווינטער זיך לאָזן אויף דער שאַרף פֿון דער גליטש.

איך בין געוואָרן אַריינגעוואָרפֿן אין אַ היים, ווו דער טאַטע פֿלעגט מ׳רוב נאָכן דאַווענען אָפּרייבן אויף ניכטער דריי מאָל די מזוזה און זיך לאָזן „אויף מעקל" איבער די רמאותדיקע בערזעס צו כאַפּן אַ ברעקל, וואָס ט׳פּאַלט אַוועק פֿון פֿאַרדינסטן, איבערלאָזנדיק די מאַמע מיט די קינדער אויף גאטס באַראָט. די מאַמע, ווי אַ פֿויגל פֿון נעסט, איז אַרויס זוכן שפּייז פֿאַר די קינדער. זי איז געלאָפֿן פֿון געוועלב צו געוועלב, געשווירן זיך מיט פֿלערליי שבועות, אַז, „ווי נאָר דער מאַן קומט פֿון דער גאַס, ברענגט זי אָפּ מיט שיינעם דאַנק". און

האָט אַהיימגעכאַפּט, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, פאַרדעקט מיט דער פאַטשיילע פאַר אַן אויג.

אַז די קינדער האָבן זי דערזען מיט אַ האַנט פאַרהילט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסשטעקן די הענטלעך פון הינטערן בעטגעוואַנט: „מאַמע, מיר! מיר, מאַמע! מיר!"

די מאַמע איז געלאָפן פון איין אויסגעשטרעקט הענטל צום אַנדערן און האָט אַריינגעפּאַקט דערין, וואָס איז איר אונטערגעקומען און מיט פייכטע אויגן צוגעזאָגט: „עסט, ס'איז דאָך שוין באַלד האַלבער טאָג. אַך, רבונו-של-עולם, יאַך וועל שוין קאַ חיבוט-הקבר נישט לאַדן!"

אונטער די באַדויערונגען פון דער מאַמע, אויסגעהונגערטע, פאַרדראָסיקטע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש צווישן די קינדער, אַ צריקוואַרפעניש: „רייזל האָט מער", „און האַרשל האָט דאָך אַ גאַנץ מיט אַ שטיקל", „יאַך וויל אויך", „יאַך וויל יענץ".

די מאַמע פלעגט צולויפן און מיטן גאַנצן ווייטיק קנייפּן מאַכן בלויע צייכנס. און אַז דאָס קינד האָט אָנגעהויבן רייבן, אויפן זעלבן אָרט, וואַרפן מיט די הענטלעך און פיסלעך און פאַרקייכן פאַר יסורים, האָט די מאַמע זיך ערשט צעכליפּעט „פאַר וועמענס זינד ווער איך אַזוי געפּרעגלט, פאַר וועמענס זינד, יאַך האָב דאָך אויך נאָך נישט געהאַט אין מויל!".

די קינדער, זעענדיק זי מיט די ליידיקע צעשפּרייטע הענט, די אויגן — פאַרטרערט, זענען אין די העמדלעך אַראָפּ פון די בעטן, זי אַרומגערינגלט, און יעדעס האָט איר געשטופּט שטיקלעך פון זיינס: „נעם, מאַמעשי, פון מיינעם", „פון מיינעם", „יאַך וועל געַנוג האָבן", „נעם, נעם". און איינגענומענע, פאַרטרערטע, האָט מען געפּראַוועט דעם מאָלצייט. האָט נאָך די מאַמע אַ פּאָר שטיקלעך קוילן אויך געברענגט, האָט אַ פייערל

אָנגעהויבן הוזשען אין שטוב און מיט רויטע ציגעלעך פאַר־טריבן די ווי פון א״י־מקומות ווייסע, אומעטיקע געשטאַלטן פון די פענסטער אַראָפּ.

דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אויסקוקן דעם טאַטן. וואָס לענגער ער האָט זיך פאַרזוימט, אַלץ מער איז די פאַנטאַזיע אַריבער די גרענעצן: אפשר עפּעס אַ פּריץ געקומען און געבאַרגט געלט אויף אַ היפּאָטעק, אפשר האָט דער טאַטע פאַרמעקלט אַ וואַלד, אַ גוט — עס קאָן דאָך אַלץ טרעפן!

די מאַמע פלעגט זיך אַנידערזעצן אויפן בעט און אויס־רעכענען, וואָס זי וועט יעדן קינד מאַכן — באַקליידן און באַ־שוכן. האָט זיך אַ קינד געדונגען, האָט זי עס גלייך נאָכגעגעבן: „יאָ, אַ פּאָר קאַלאָשעלעך אויך, וועט דיר נישט אַריינרינען; און דיר אַ רויט יאַקעלע, וועסטו שוין האָבן אויף שבת“.

בעת מיר זענען אַזוי געזעסן און באַלעקט זיך פון די אַלע גוטע זאַכן, האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן פאַר אונזער נידריק פענסטערל די געשטאַלט פון טאַטן.

הגם אַלע האָבן אים געזען, האָט עס זיך פון־מויל־צו־מויל געטראָגן: „דער טאַטע גייט“, דער טאַטע גייט“. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג: שטיל!

זיין באַווייזן זיך האָט שוין פאַרטראָגן איבער דער שטוב זיין שניידיק רעדן, דעם שאַרפן טאָן, וואָס האָט געשמידט און האָט געטראָגן אין זיך דעם עכאָ פון די שטיינערנע בערג ביי די קאַלך־אויוונס, פונוואַנען ער איז אַרויסגעוואַקסן.

דער אָנקום זיינער האָט די קינדער, ווי געליימט. אַלע זייערע סכסוכים האָבן זיי דורכגעפירט אין דער שטיל: געצופּט זיך היגטן־אַרום, געקאָפּעט אונטערן בעטגעוואַנט. און ביי די

גרעסטע ווייטיקן האָט קיינס נישט געוואַגט אויסצודריקן, מען איז אויך געווען אין גרויס דערוואַרטונג: אפשר טראָגט ער טאַקע אַ פאַרדינסטל, מ׳וועט אַרויס פון די בעטן, ס׳וועט זיין וואַרעם, ליכטיק.

די מאַמע פלעגט זיך אויפשטעלן און אים אַקעגנטראָגן דעם בליק. זי האָט שוין דערקענט אין אים אויפן סאַמע שוועל, צי ער האָט עפּעס פאַרדינט: אין קושן די מזוזה, ביי וואָס ער פלעגט אַריינשמייכלען, אין אויפגערוימטן „גוטן־אָוונט", וואָס ער האָט פאַלן געלאָזט אין שטוב אַריין.

דאָסמאָל איז ער אַריין און מיט זיין „גוטן־אָוונט" האָט ער פאַרשניטן אַלע האָפנונגען. זיין פּנים איז געווען טיף צעאַקערט, די טונקל־בלאָנדע באָרד מיט די צוויי שפּיצן האָט שטעכיק אַראָפּגעשטעקט און די הויכע ברעמען — אַראָפּגעלאָזן איבערן טריבן בליק.

די מאַמע מיט איר גליענדיקן בטחון, וואָס אַלע נויטן האָבן אים נישט געקאָנט פאַרלעשן, האָט זיך געשטעלט אין דער מיט שטוב מיט די הענט פאַרלייגט אין סטאָן און זיך נאָך אַלעם געפרעגט:

— נו, לייב, וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי לאַנג געזוימט?

— געקומען עפּעס אַ משוגענער פריץ! אַ הוללטאַי, און מיר פאַרדרייט נ׳קאָפּ, כ׳זאָל קריגן פאַר אים געלט.

— נו?

— נו, נו.

— גאָרנישט?

— גאָרנישט, גאָרנישט — האָט ער אַ צעשפּרייט געגעבן די הענט, ווי אַ פויגל, וואָס פאַלט אַרונטער.

דאָס טריבקייט אין שטוב, די אייז־פיגורן אויפן

פֿענסטער האָבן ווי אונטער אַ נײַ אַרויפֿגעצויגענער פֿאַרהאַנג שאַרפֿער אָנגעהויבן אַרײַנצוטרעטן.

די קינדער האָבן אַרונטערגעצויגן די קעפּלעך, און דאָס בעטגעוואַנט האָט זיך אָנגעהויבן קאָרטשען און ציען אויף אַלע זײַטן, אַז ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי ווילן זיך דאָרט אײַנאָרדענען אין דער פֿינסטערער וואַרעמקייט און נישט קאַפּויר קומען מער אין שטוב אַרײַן.

איך בין געפֿאַלן צום טאַטנס בליק און זײַן שטים האָט אָנגעהויבן, ווי שטענדיק, בויערן דאָס נײַע אומגליק: „נו, וואָס איז ער מיר ווידער אַהיימגעקומען, שוין געלאָזט זיך עפּעס הערן?".

די מאַמע האָט אים מורא געהאַט צו ענטפֿערן. זי האָט געוווּסט, ווי דאָס וועט אים טרעפֿן. זענען זיי געשטאַנען און זיך איבערגעקוקט אינדערשטיל, אַז די אָנגעצויגענע שטומקייט האָט גענומען קלינגען פֿאַר די אויערן.

— אַ, דער מלמד — האָט ער אָנגעהויבן אין אַ ווײַל אַרום — וואָס דער ייִד האָט מיר שוין מײַן בלוט געצאַפּט. וואָס הייבט מען אָן איצט צו טון מיט אים? — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אין מײַן זײַט.

איך בין געשטאַנען אין אַ ווינקל אײַנגעטונקען, ווי אין אייגן בלוט. כ׳האָב מורא געהאַט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן און האָב זיך אײַנגעקאָרטשעט אין מיר אַרײַן. די מאַמע האָט מיך אָנגעקוקט און איז אַרויס מיט אַ געוויין אויפֿן קול: „וואָס מאַנע קינדער ווערן נעבעך געפּרעגלט, וואָס מאַנע קינדער ווערן געפּרעגלט!" די מאַמעס ווערטער האָבן בײַ מיר, ווי אַ שטיין פֿון אַ קוואַלנדיקן סטאָק אַוועקגעשאַרט און טרערן האָבן גענומען פֿלייצן און פֿלייצן.

דער טאַטע האָט לאַנג געריבן מיט די הענט איבער דער

לענג פון דער בּאָרד און דעם אויכגעוועלגערטן שפּיץ אַריינגע־צויגן אין מויל אַריין, געקייעט, געקייעט, ווי ער זאָל זיך אַליין וועלן אויפעסן. ער איז האַסטיק צו צו דער מזוזה, דריי מאָל אָפּגעריבּן מיט דער האַנט, בּאַקושט די שפּיץ פינגער און איז אַוועק צו מנחה־מעריב.

די מאָרגנדיקע נישט געהייצטע און נישט דערעסענע טעג האָבּן געמאַכט פאַרגעסן אין מיר, און איך האָבּ זיך אָנגעהויבּן אַרומצודרייען פּועל־בּטל.

ב.

מיט זיך

צו יענער צייט פון מיין פוסטעוועזן בין איך אויך געווען אָפּגעטיילט פון דרויסן, פון די חברים. איך פלעג ליגן אין בעט אַ שטיק אויפן טאָג, קוקן אויפן פאַרקאָוועטן פענסטערל, ווי עס געשטאַלטיקן זיך אַזעלכע בלייכע איידעלע באַשעפענישן, געוויקסן, העפטערייען. די ווענט — באַזעצט מיט פּערעלעך פון געפרוירענע ווילגאָטש־טראָפּן, און אין די ווינקלען שטוב — פוכיקע שניי־פּאַסן, וואָס האָבן געמיניעט, ווי זיי וואָלטן געווען געפּאַסט מיט בריליאַנטן. ביי די שויבן,ביים פאַס וואַסער, צעפּלעך אייז — גלאָז־פראַנז אַרום, ווי ביי די הענגל־לעמפּ. און פון יענער זייט האָבן פאַרן פענסטער אויפגעשטעקט אייזיקע שפּיזן פונם דעכל, ווי מען וואָלט געוואַכט איבער אונזער שטוב. דאָס אַלעס פלעגט זיך צעשפּילן פאַר מיין אויג אין אַ געהיימען שלאָס ערגעץ אין ווייטע מקומות, איך ליג דאָ אַ פאַרנומענער, אַ באַוואַכטער. אָדער איך פלעג סתם זיך פאַרגאַפּיען אין אַ פּונקט, וואָס האָט מיך אַרויסגעצויגן פון אַלעם אַרומיקן.

שפּעטער צו האָט מיך די מאַמע געטריבן דאַווענען.

דאָס קעכל איז קאַלט. אין די שטיוועלעך קאָן איך מער נישט אַרויסגיין. נאָכן דאַווענען וועל איך מוזן צוריק אין בעט

אַריין. און מיר פאַלט איין: איך טו אָן אַ האַנטוך אויפן האַלז, דאָס אָפענע סידורל שטעל איך אויף אויפן טיש, ווי אויף אַן עמוד, צינד אָן אַ שטיקל ליכט און שטעל מיך אוועק זינגען, ווי דאָס קליינע חזנדל אָנגעטון אין אַ טליתל, וואָס איך האָב אים געזען אויפן בעלעמער אין דער שול.

פון דער גאַנצער שטאָט איז מען געלאָפן אים הערן. ס'איז שוין לאַנג אַריבער דער זמן פון דאַוונען און דער עולם שטייט אומגעגעסן — דער שבת איז עפּעס אַרויס פון זיין סדר. איך האָב זיך קוים דורכגעשלאָגן און געצויגן דעם טאַטן ביים אַרבל: „טאַטע, די מאַמע האָט מיך געשיקט דיך רופן, ס'עסן איז שוין קאַלט, ווי לאַנג 'עט מען וואַרטן?"

דער טאַטע האָט זיך רעכט נישט אומגעקוקט און האָט אַ בלעסקע געטון מיט דער האַנט, ווי אַ פיש, וואָס שפּרינגט פון דער נעץ אַרויס אין טייך אַריין.

איך האָב מיך נישט געקאָנט דערשלאָגן, כ'זאָל אָנקוקן דאָס יינגעלע אויפן פּנים. כ'האָב דערהערט נאָר ווי אין שולכל וואָלט אַ פייגעלע געזונגען מיט ווערטער און עס בעט זיך אַזוי: „וטהר לבנו לעבדך באמת!" און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, נאָר מיט אַנדערע טרעלן.

נאָכן דאַוונען האָט מען געמאַכט פאַר אים אַ וואַרע, און דער עולם מיט צעשיינטע פּנימער האָט געשאָקלט צו אים מיט די קעפּ: גוט-שבת, גוט-שבת, אַ יישר כוח.

אויך ביי מיר, שטייענדיק אָנגעטון אין האַנטיכל זענען שוואַרץ אַרום פאַר קעפּ. אַזויפיל אויגן קוקן צו מיר! אין דער ווייבער-שול ברעכט זיך. די מאַמע שטייט אויפן מזרח איבער מיין קאָפּ, זי גייט אָנגעטון אין אַ זיידענעם שאַל, אַ שנירל פּערל הענגט ביי איר אַראָפּ פון האַלז און זי שאָקלט פרום מיטן קאָפּ, ווי צו ליכט-בענטשן.

נאָך וועד שמייכלט צו מיר פון דער ווייבער-שול, האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, איך זע נאָך נישט גענוי איר פּנים, אָבער זי פּאַסט גאָרנישט צו די אַלע ווייבער אין שול. זי איז עפּעס ענלעך צום פעטער הערשלס טעכטערל פון דער גרויסער שטאָט, אין סאַמעטענעם קליידל, מיט די בלאָנדע קרויזן האָר, וואָס גיט זיך אַ נייג ביים באַגריסן. פאַר איר, אייגנטלעך, זינג איך דאָך טאַקע.

נאָכן דאַוונען געשעאַרט זיך פאַר מיר דער עולם און מען פירט מיך אַריין אין אַ וואַרעמער שטוב, אויף אַ לאַנגן טיש שטייען אָנגעגרייט אַזויפיל מאכלים און מען הייסט מיך זיצן. איך פאַרענדיק איינמאָל דאָס דאַוונען, נאָכאַמאָל דאָס דאַוונען, כדי מען זאָל מיך ווידער אַריינפירן אין דער דאָזיקער שטוב און צעגאָרגל מיך אויפן העכסטן קול.

די מאַמע שטייט ביים קעכל, פּרוּווט אונטערצינדן אַ נאַסן שפּאָן און שרייט צו מיר: „וואָס יעלהסטו מיר ב׳קאָפּ אַריין, דאַוונסט דאָך שוין אַוודאי דריי שעה!" און איך קאָן מיך גאָרנישט אָפּרייסן.

פאַרנאַכט-צו איז דער טאַטע געקומען פון דער גאַס. ער איז אַריינגעקומען אין אַ שטומער פאַרצאָגטקייט, זיך אנידער-געזעצט אין דעם קנויל מלבושים אויף זיין שטענדיק אָרט, די הענט פאַררוקט אין די אַרבל און קיין וואָרט נישט גערעדט. מיר האָבן שוין געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט.

די מאַמע האָט זיך געדרייט פון ווינקל צו ווינקל, געביסן די ליפּ און מיטאַמאָל אַרויסגעבּוכקעט אַ געוויין: „כ׳על אַוועק, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, יאָך קאָן נישט צוזעען, ווי די קינדער גייען אויס".

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן, געקושט די מזוזה און איז שטום אַרויס".

די מאמע האָט אויפדערגיך אויסגעווישט די אויגן, אָנגעווּנדן ס׳לעמפּל און זיך געוואָנדן צו אונז:

— קינדער, זייט דאָ שטיל, כ׳גיי מיר עפּעס שאפן. דער טאטע האָט נאָך אוודאי אין מויל נישט געהאט.

די קינדער זענען אין פארמאטערטקייט פון ווארטן אויף עסן ביסלעכווייז איינגעשלאָפן.

איך שטעק אַרויס פון בעט דעם קאָפּ אויף דער שטוב, אַ טונקעלע טריבקייט הענגט אויף אַלעם. בלויז דאָס קליינע פלעמל פון לעמפּל, וואָס איז קוים אריבערן קאפּסל, ווי אַ ליכטיק אייגל וואָלט אפּערגעבליקט, האָט אויפגעהאלטן און געשטערט, אז אַ פינסטערניש, ווי אַ שווארצע שארף, זאָל זיך נישט אַראָפּלאָזן אויף אַלעם.

מיר ווערט שטארק אומהיימלעך, קוקנדיק אויף די ארויסגעקראָכענע שאָטנס אויף די ווענט און ווענד נאָר דעם בליק אויפן ליכטיקן פלעמל. אַ מינוט — און עס פארטראָגט מיך אוועק פון דאנען אין גרויסע שטעט אריין, ווו איך בין נאָך קיינמאָל נישט געוועזן, נאָר געהערט וועגן זיי דערציילן.

עס העלן אויף פאר מיר פייערן, פייערן־שטורקאצן אונטערן הימל, וואָס באגיסן די שטאָט מיט ליכטיקייט. אינדערמיט פאָרן איבער ברייטע גאסן וועגענער פון קיינעם נישט געשפּאנט, מיט גאנצע ווענט שויבן, העל־באלויכטענע. גרויס זענען זיי, ווי די הייזער און פול מיט מענטשן, און די מענטשן פרייען זיך, גייען אָנגעטון יום־טובדיק און עס איז זיי ווויל; אין זיידענע העמדער, גאָלדענע דיוויזקעס מיט מעדאליאָנען הענגען ביי זיי אַראָפּ פון די טעשלעך, ווי אויף די פאָטאָגראפיעס, וואָס זיי שיקן צו די קרובים. אלע שמייכלען זיי פון גוידערדיקע פנימער ארויס. קומט פון זיי אָן אַ בריוול, לויפט מען דערמיט אויף חידושים. שפּעטער קומט אָן פון זיי געלט.

אויך איך בין איינער פון זיי, אַ דערוואקסענער שוין, און מיר איז גוט, כ׳פארדין. מיטאמאָל קום איך אַראָפּ אין אונזער שטאָט אריין, פארשטעל מיך פאר אַ פּריץ און הייס אויפזוכן דעם טאטן. איך נעם רעדן מיט אַ גראָבער שטים, אז איך צעלאַך מיך אוש און הייס מיר פארמעקלען אַ וואלד, אַ גוט. איך מאַך עס איינס און צוויי און הייב שוין אָן דעם טאטן אויפצײלן געלט — אַ הונדערטער, נאָך איינעם און נאָך איינעם. איך זע, ווי זיין פּנים שיינט, ער נייגט זיך פאר מיר און לויפט שנעל אהיים. און איך ווייס שוין, וואָס אין דער היים טוט זיך אָפּ, עס ווערטווארם און ליכטיק אין יעדן ווינקעלע. אלע טאָג זעצט זיך דאָס גאנצע געזינדל ארום טיש צום מיטאָג, פּונקט ווי דאמאָלט, ווען דער טאטע האָט פארדינט. איך זע נאָך, אז די מאמע זאָל אָנגרייטן עסנווארג און קוילן אויפן גאנצן ווינטער — פול—ל—ל, פול—ל—ל, אין אלע ווינקעלעך, און דערפיל אַ שווערקייט אין קאָפּ, פאל אראָפּ אויפן קישן און שלאָף איין.

* * *

מיטן אָנקום פון זומער האָב איך מיך איבערגעטראָגן אין הויף אַריין.

דאָס איז געווען אַ גרויסער, ליידיקער הויף הינטערן רוקן פון הויז, וואָס האָט איבער דער גאנצער לענג מיט אַ הילצערנעם פּרוכניעטן פּלויט אָפּגעצוימט אַ סאָד.

דער פּלויט אליין האָט זיך שוין דאָ געהאט איינגעוואקסן, אז זומער האָט ער כּלומרשט מיטגעשפּראָצט — באוואקסן געוואָרן מיט גרינעם מאָך, און ווינטער — אויך מיטגעוויינט — געטריפט אין זיין פוילעכץ.

זומער־צייט איז די ליידיקייט אויפן הויף נישט אזוי ניכּר געווען. ביי די זייטן פּלויט האָבן ארויסגעשטעקט קאָלטענעס פּאָקשיוועס, ווילדע בלעטער, גראָבע ווי די זוילן, אויך אין דער

מיט צווישן די ברוק-שטיינדלעך, ווו ס'איז נאָר געבליבן אַ שפּעלטעלע ערד, האָבן גרעזלעך זיך דורכגעשטופּט מיט די גרינע קעפּלעך און באוואָקסן אים, ווי אַ שיטערן קאָפּ האָר.

און אַ געשווישטעריי האָט זיך דאָ געטראָגן, וואָס האָט אויפגעריסן די לופט. יעדעס זשאַרנעלע, וואָס די פייגל האָבן געכאַפּט בציבור אין סאָד, צי אין אַ שכנותדיקן הויף, איז אַהער אַריבערגעטראָגן געוואָרן, ווי אויף אַ זיכער אָרט און דאָ איז די חלוקה געמאַכט געוואָרן, האָפּסלענדיק זיך אַקייגן מיט פּישטש און טרררעללל.

אויך שוועלבעלעך פלעגן דאָ אין די פאַרטאָגן און ביים זון-פאַרגאַנג אין האַלבע רונד-קרייזן זיך לאָזן צו דער ערד. אַ בלענד געטון מיט די העל-פּוכיקע הערצלעך, אויף וועלכע די שוואַרצינקע גלימער-שנעבעלעך האָבן אונטערגעשוועלבלט—שוויב—שוויב—שוויב.

אַהער פלעגט אויך פאַרקריכן אַ קוואָקע מיט אירע געל-ווייכינקע עופעלעך, געכאַפּט עפּעס אַ קערנדל, אַ ווערמל און צונויפגערופן דאָס געזינדל זיי אָנצוקאָרמען.

קאַטשקעס האָבן זיך געלאָזט איבערן הויף פון אַלע זייטן מיט אַזאַ גדלות, דורכן פלויט אין סאָד און גלייך אין וואַסער אַריין, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. געוואָרפן שווילטאָגעריש מיט די הינטנס, געשריגן, געקאַטשעט זיך, ווי די בייזע באַלע-באָסטעס איבער זייערע צימערן.

שמעטערלינגען — אָפּגעריסענע פלאַטערלעך פון צעזונטן אוויר — האָבן דאָ אַרומגעצאַפּלט, אַ שטעל זיך אָפּ געגעבן און גלייך אויפגעשפּרונגען פאַר גרויס זון-רחבות.

בינען — אַרומגעהוזשעט, אַ שמעק און אַ לעק געטון צו די זון-בלימלעך און ווייטער זיך געלאָזן.

פאַרנאַכט-צו האָבן גאַנצע קנוילן מוקן אַרומגעהאָפּסעט, צונויפ-

גענומען זיך מחנותוויִיז און איינס קייגן אנדערן, ווי די ווילדע זיך אַקייגנגעשפּרונגען אלץ אין אייגענעם קרייז.

און דאָס אַלעס ווערט אַרומגענומען פון אַ הימל, וואָס איבערן טאָג ציען זיך רויז־באַזוימטע וואָלקנדלעך איבער זיינע אומענדלעכע בלאָע און זילבער־שטרעקעס, קומען, פאַרשווינדן און באַווייזן זיך ווידער. און די זון לויפט איבער זיי און שיינט, לויפט און שיינט. פאַרנאַכט־צו, ווען שאָטענעס הייבן אָן אַרויפשווימען אויפן פלויט, איבערן וועג, קומען פון דעמע־רונג אַרויס — ווערט זי, די זון, פאַרטרונקען אין בראַנד־רויטקייט, ווי אין פאַרגייענדע, בלוטיקע ווייען. און ערשט דאַמאָלט לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט אין איר שטערן־טוך, פאַרהילט אַלץ—שאַ!

אַהער בין איך געלאָפן פון מיין היים.

אָנהויב זומער, די ערד איז ווייך, יונג און לאָזט פון זיך אַ ריח פון פּרוכט, וועלכן מען שפּירט שפּעטער אין אירע גע־וויקסן: אין די ערד־עפּל, אין קילע־ריבן. דער גערוך פלעגט מיך זעטיקן.

פאַרטאָגס, בעת עס ליגט נאָך דער טוי, בין איך שוין אויפן הויף. שפּעטער באַוויזט זיך די זון און עס גייט אויף אַ פאַרע, ווי אַ געוועב צום הימל. איך וויקל זיך צווישן די דאָזיקע נעפּלדיקע ווענט, וואָס מעקן אָפּ פאַר מיר די רעשט וועלט און געפין זיך אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען.

נאָך דעם שווינדזיכטיקן גוסס, וואָס דער ווירט האָט מיט אַ בעטל אַריינגעשטעלט צו אוז אין שטוב, האָב איך זיך דאָ אַזוי גוט געפונען.

מיר זענען געווען די איינציקע אין הויז, וועלכע האָבן שוין אַ יאָר צייט קיין דירה־געלט נישט געצאָלט. און ער איז נישט מחויב — שרייט ער, דער ווירט, איבערן גאַנצן קאָרידאָר, אַז דאָס גראָע בערדל ציטערט אים אונטער, ווי אויף אַ ספּרונ־

ושינע — צו קווען, זיך מיט עפעס א שטיף־זון, וואָס זיין ווייב האָט אים אַריינגעבּרענגט, און פרעמדע זאָלן פאַרנעמען זיינע דירות בחינם, טאָמער נישט — קאָן ער פריי מאַכן די וווינונג. ליגט ער ביי אונז, דער בחור, ביים פענסטער מיט טיפע אויגן־לעכער. אַ געל הייטל אָנגעצויגן אויף אַרויסשטאַרצנ־דיקע קינבּאַקן, ווי אַ בלעזל לעדער אויף אַ קאָפּיטע; שפּייט, שפּייט אָן אויפהער אין אַ קעסטעלע מיט זאַמד, אַזאַ געדיכטן לייכעכץ, אַז עס דאַכט: דער גאַנצער אינגעווייד ביי אים איז איין שטיק געזעצטע פלעגמע, ווי אין אַ בּייט — אַ ראָשטשינע. אָפּטמאָל איז דאָס שפּייעכץ דורכגענומען מיט אַן אָדערל בלוט, דאַמאָלט ווערט אַזאַ אויפרודער אין שטוב, ווי אין קעסטעלע זאַמד וואָלט זיך באַוויזן אַ גיפטיקע שלאַנג.

דער קראַנקער בלייבּט אָנגעלענט אויפן עלנבויגן, ווי ביים הוסן און קוקט שטאַר אין קעסטעלע אַריין מיטן הויכן שטערן, וואָס איז אים שוין אַריבער איבּערן אָפּגעצערטן פּנים, ווי אַ באַלקאָנדל.

די מאַמע שאַרט די קינדער, צום טויזנטסטן מאָל שוין, אין ווינקל אַריין, ווו אונזער בעט איז געשטאַנען און קריצט מיט די ציין, אַז דער חולה זאָל נישט הערן: „געדענקט, ס׳עט ענק אָנשטעקן, כ׳על מיר אַ מעשה אָנטון, די פאַרע פון דאָרט איז סם. ס׳זאָלט מיר איבּער דער שטוב נישט גיין”. און די קינדער, הגם זיי„שרעקן זיך שטאַרק פאַר דעם מענטש, וועלכער וועט אין אַ פאָר וואָכן אַרום זיין טויט, ליגן אין קבר, האָבּן זיי דאָך געוואָלט זען, ווי מען שפּייט מיט בלוט.

יעדעס מאָל נאָך אַזאַ פאַל טוט דער קראַנקער שטאַרק איבּערבעטן די מאַמע, זי זאָל אויף אים קיין פאַראיבל נישט האָבּן, ער ווייסט, ס׳איז צווישן קינדער, ער איז דאָך נישט שולדיק, מען האָט אים אַריינגעשטעלט, און ער וועט אונז שוין

לאַנג נישט מוטשען. און געבעטן די מאַמע, נעמען פאַר די קינדער אַ בינטל וויינטרויבן, אַ פּאָמעראַנץ, אַ שטיקל לעקעך, וואָס ער האָט עס נאָך נישט אין דער האַנט געהאַלטן.

די מאַמע האָט אים באַדאַנקט, געווונטשן אַ רפואה שלימה. און צו די קינדער געזאָגט אין דער שטיל: „ס'עט, חלילה, אויסגיין פאַר בויט, זאָלט עץ נישט אָנרירן".

האָב איך זיך אַזוי גוט געפילט אין הויף.

עס שמעקט, עס גייט אויף, מען מעג אַלעס אָנרירן און בין אַרויס גלייך פון בעט.

די זון, אַ פרישגעבוירענע, האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון איר רויטע וויקעלעך און שנעל אויסגעזופּט די טויאיקע וואָלקנדלעך פאַרע. דער הויף האָט זיך ווידער פאַר מיר אַנטפּלעקט, איך בלייב שטיין אַליין, דערפיל הונגער און לויף אין שטוב אַריין נאָך אָנבייסן.

די טיר שטייט האַלב אָפן. איך שלייך זיך שטיל אַריין, קיינער איז נישטאָ, די קינדער זענען ביי די שכנים, די מאַמע — אַוועק. דער קראַנקער באַמערקט מיך נישט, ער ליגט און קוקט אויף דער קייגנאיבערדיקער וואַנט, וווּ ס'האָט נאָך די ערשטע וואַרימע טעג נאָכגעלאָזן און אַרויסגעשלאָגן טראָפּנדלעך, ווי אויף אַ פאַרוויינט פּנים.

אַ דינער זייל זוןשטויב וועלבט זיך פון דער מיט שטוב גלייך צום הימל, נאָר אויפצווייטן אויף אים און אַרויף. דער דאָזיקער ליכטזייל צינדט אָן די טראָפּנדלעך אויף דער וואַנט און לייכטן, ווי פּערלמוט. זיי צעוואַקסן זיך, די טראָפּנדלעך, ווערן פול, זאַמלען זיך אָן און גליטשן זיך, לויפן, שלענגלען זיך נאָר אויסצפאַסן די וואַנט מיט דימענטלעך. אָט לויפט אָן איינס, טרעפט אָן אויפן וועג אַ צווייטס און ביידע פאַראייניקט און געשטאַרקט לאָזן זיך בלישטשנדיק אין אַ גאַלאָפּ גלייך אַראָפּ.

דער קראַנקער קוקט זיך צו און אַ שמייכל, וואָס ער קען אים נישט אַרויף אויפן אויסגעקוואַרטן פּנים, שוועבט דאָך דערויף.

מיר איז לייכט געוואָרן, אַז כ'האָב אים געזעען שמייכלען. עפּעס האָט דער טויט אין דעם מאָמענט אויפגעהערט צו ווערן שרעקלעך פאַר מיר.

מיטאַמאָל האָט ער מיך דערהערט, ווי איך עפן אויף דאָס טירל פון קרעדענסל און זוך עפּעס צום עסן, און ער האָט מיך גענומען בעטן:

— גנעם, שלמה, די מאַמע איז דאָך נישטאָ. נעם דאָס פּלעצל מיט פּוטער, איך קען עס נישט עסן, נעם.

איך בין נישט דרייסט געווען אים אָפּצוזאָגן, בין איך אַרויס אויפן הויף.

דער הונגער האָט זיך גענומען צעשפּילן אין מיר. דער מוח צעגליט זיך, די שלייפן האַקן און דאָס האַרץ נאָגט און נאָגט. און ער צעטראָגט מיך, דער הונגער ווי אויף פליגלען — אַזוי לופטיק ווער איך.

פונדערווייטנס, זע איך, שטייט אַ ברוינע הון, אַ פולע, אַ בייכיקע און דזשאָבעט מיטן שנאָביקל די ערד. יעדעס מאָל כאַפּט עס אַ ווערעמל, אַ קערנדל.

איך לאָז מיך שנעל צו, פאַרטרייב דאָס הינדל און הייב אָן אויף דעם אייגענעם אָרט קאָפּן די ערד מיט אַ שטעקל. איך וויל אויך עפּעס געפינען, איך מוז געפינען. איך גראָב, גראָב, די ערד גיט זיך מיר לייכט אונטער, זי איז ווייך, שמעקיק, דאָס באַפרידיקט מיך, עס מאַכט מיך פאַרגעסן. אין דער אַרבעט נעמט מיר אויסווייזן, אַז איך הייב אָן עפּעס באַזיצן, באַהערשן, כ'וועל עפּעס באַקומען און לאָז מיך אַריין מיט אַ צעוואַרימטן אימפּעט. דער גרוב איז שוין היפּש, איבער אים אַ בערגל ערד. מיטאַמאָל נעמט מיך אַרום אַ גלויבן, אַ שטאַרקער גלויבן, אַז

מיין גראָבן איז דאָ נישט אומזיסט. איך דאַרף נאָר אָוועקנע־מען אַ הייטל, נאָך אַ הייטל ערד און עס וועט פאַר מיר אַ בלאַנק טון אַן אוצר, גאָלד, צירונג. דאָס וועט זיין באַהאַלטן אין טינדלעך, ווי איך האָב געהאַט געלייענט אין אַ מעשה אויף עברי־טייטש. פּלוצלינג האָט זיך מיין גראָבן־שטעקל אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטע זאַך. ס'האַרץ הייבט אָן קלאַפּן, אָט איז עס, נאָך אַביסל, נאָך אַביסל. אינדערמיט רופט מיך די מאַמע:

— שלמה, שלמה, נעם דיר אַ שטיקל ברויט מיט אַ שמשיפּיאָרעק, כ'האָט געברענגט ברויט.

איך פאַל צו צום עסן, דאָס שטילט מיך איין, לעשט מיין באַרוישונג. דאָס האַרטע אָרט אין דער ערד איז געווען אַ ווורצל. איך שאַר צוריק אַריין די ערד אין גרוב, טרעט אַרום מיט די פיס עס אויסצוגלייכן, נישט געווען דאָס ריכטיקע אָרט.

ג.

אין סאָד

דער סאָד הינטער אונזער הויז האָט זיך צעוואַקסן, איז נע־וואָרן פֿול. די ביימער האָבן טראָציק פֿאַרוואָרפֿן די געקאַרבטע, בלעטערדיקע קעפּ, ווי בײַ יונגע מיידלעך די געקרויזטע גזשיוקעס.

איך פֿלעג ליגן שעהן בײַם פּלויט און אַרײַנקוקן. דורך די שפּאַרעס האָט אין דעם גריגעם טאָל אַלץ אַנדערש אויסגעזען.

די זון האָט זיך מיט זילבערנע שפּיזלען דורכגעשטאָכן צווישן די ביימער, אָט אײַנגעצויגן און אָט אויסגעצויגן אַ שפּיז, און דאָס זון־באַגאָסענע גראָז האָט קעגנגעשמייכלט: נאַ, שנייד— ווי אויף געלעכטער. און די פּרוכטן צווישן די ביימער האָבן זיך דורכן שפּאַלט אין באַהעלטערלעך געשפּילט מיט מיר. אָט האָט אַ קערשל אויף אַ שטענגל אַראָפּגעהאָנגען, אַ ווייז זיך געטון פֿאַר אַ רויט קרעלן־אויריננגל. און דאָס קעפּל פֿון מיידל זאָל זיך באַהאַלטן צווישן די צווייגן, און איך קען עס נישט דערזען. אַן אַגרעס פֿון אונטן מיט רויט־איבערגעלאָפֿענע אָפּ־לען — אַ צעיאַכמערטע, וואָס איז פֿאַרקראָכן הינטער די קושאַקעס, האָט צו מיר אָפּערגעלאָצט.

אַריינגעלאָזט אַהין אַמאָל האָט מיך דער סאַדאָווניק, אַ שוואַרץ-האָריקער ייד, וואָס איז אַראָפּגעקומען אַהער מיט אַ פור אָנגעפּראָפּט מיט בעטגעוואַנטער, טעפּ, אויף דעם אַלעם קינ-דער, און אַ שוואַרצער הונט, וואָס איז געשטאַנען אינדערמיט וואָגן און געגלאָצט נאָר צו צערייסן די וועלט.

ער האָט מיך פאַרהאַלטן, דער סאַדאָווניק, דורכגייענדיק דעם הויף: „יינגל, וואָס ליגסטו גאַנצע טעג ביים פּלויט, ביסט דאָך פון דעם הויף, יאָ? קום אין סאָד אַריין, וועסטו העלפן קלויבן ס׳אויבס. ווי רופט מען דיך?

— שלמה.

און ער האָט געעפנט פאַר מיר די פורטקע.

דער הונט האָט מיך באַשמעקט און איך בין געוואָרן דאָ אַ היימישער.

דער סאָד האָט מיר אויף אַ צייט פאַרטריבן דעם הונגער.

ס׳איז געווען אין דער צייט, ווען דאָס שווערע אויבס הייבט אָן צייטיק צו ווערן.

איך בין אַרומגעלאָפן און געקליבן, פון הינטער די ביימער, וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעיאָגט. איך האָב עס געמאַכט מיט פאַרטל, כ׳האָב אָנגעהויבן דערקענען אינם קנייטש פונם גראָז, ווו עס געפינט זיך.

אין אַ פרימאָרגן איז די זון נאָך אַ גאַנצע נאַכט רעגנס, ווינטן, בלייענע כמאַרעס — אַרויס אַ צעשיינטע, אַז דער סאָד האָט אויסגעזען באַהאָנגען מיט קרישטאָל. אויף יעדן גרעזל, אויף יעדן בלעטל האָבן זיך באַזעצט טראָפּנדלעך, טראָפּנדלעך. דאָ, ווו ס׳איז קיין גראָז נישט געווען, זענען געשטאַנען קאַלוזשעלעך וואַסער. און דאָס אַלעס האָט זיך ביים אויפשיין צעפינקלט, געמיניעט פונם גראָז, פון די שטעגן — געשפּיגלט.

איך בין געלאָפן באָרוויס איבער דעם פּערל-וועג, די פיס מיר

געבאָדן אין דער קילער נעציקייט און האָב געהאַט אַזויפיל אַרבעט נאָך דער שוואַרצער נאַכט, וואָס האָט זיך געריסן צווישן די ביימער. די ווייַן-באַרנעס, לאַנגע, ווי די קילאָדיקע נעוויכ־טער, זענען אַלע כמעט אַראָפּגעפאַלן, נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

איבערן סאָד איז געוואָרן אַ געיעג פון סאַדאָווניק מיט אַלע קינדער. אָבער איך האָב די גרעסטע קופּע צוזאַמענגעקליבן. עס איז מיר עפּעס געגאַנגען דערין, ווי דאָס וואָלטן געווען הרוגים נאָך אַ שלאַכט, וואָס מען דאַרף זיי וואָס שנעלער אויפ־הויבן. און אַ פאַרמאַטערטער שוין האָב איך ערשט אַרויסגענו־מען אַ שטיקל ברויט און מיך גענומען אָנבייסן.

דער סאַדאָווניק, באַמערקנדיק, האָט געזאָגט צו מיר:

— שלמה, וואָס עסטו טרוקנס, נעם! -- און האָט מיר דערלאַנגט צוויי גרויסע באַרנעס.

איך האָב דערפילט נאָך די פּאָסנע מאכלים, צעגיסט זיך מיר דער באַרן-ווייַן איבער אַלע אברים. די געבליטן האָבן זיך געמישט מיט אַ זיסער זאַפטיקייט און האָבן דערקוויקנדיק געשלאָגן צום האַרץ. איך האָב איין באַרנע אויפגעגעסן און די צווייטע באַשלאָסן אַהיימצונעמען. אָבער פאַר וועמען פריער? פאַר דער מאַמען, פאַר רייזלען, פאַר הערשלען. און ס'איז מיר איינגעפאַלן: נעמען נאָך צוויי באַרנעס. ווו טוט מען זיי אַהין מען זאָל נישט דערזען? די טעשלעך אין מיינע צייגענע הייז־לעך זענען צוגעפּלאַטשט, אַז דאָס מעסערל, וואָס ליגט אין זיי שטייט אָפּ. איך קוק זיך אין מיר אַרום, אָבער איך און דאָס אָנטועכץ אויף מיר איז אויסגעקוואַרט, אַז ווו איך זאָל נישט פּרוּוון די האַנט בלויז אַרייַנצושטעקן, קומט זי אויס, ווי אַן אויפגעלאָפענע בייל. איך געפין ענדלעך אויס: כאַ־בינדן אַן עק פון אַ הויז און אַהין אַרייַנלאָזן. איך רוק זיך אָפּ פון דעם ביידל מיט די מענטשן, זוך אויס אַ דין ריטל און פאַרלייג דער־

מיט אַ רייפֿל אַרום אַ „נאָגעוויצע". דער איינער באַרן ליגט שוין אומבאַמערקט. לויף צווישן די ביימער, עס ליגט שוין אַ צווייטער. אַט וואַרפֿט זיך מיט אַ רויט בעקל אַ דריטער פֿון גראָז אַרויס, ווי ער זאָל זיין דאָס קערל פֿונם גרינעם צעוואַקסנ־קייט אַרום אים.

איך לאָז זיך צו דער פֿורטקע, די באַרנעס באָמבלען זיך אַרומען פֿ״ס און קלאַפּן אָן: גנבה, האָסט זיי געגנבעט. איך טאַמעווע דאָס לויפֿן. מיר שפּרינגט אויף אַ געדאַנק, אַז דער הונט וועט דאָס דערשמעקן, אָט אָט לאָזט ער זיך אויף מיר, ער וועט מיר אַראָפּרייסן די הויזן. עס וועלן קומען אָנצולויפֿן דער סאַדאָווניק, די קינדער, די שכנים פֿון הויף, די באַרנעס וועלן אַרויס פֿון די אָפֿענע הויזן, איך וועל בלייבן שטיין אַן אָפּגעצויגענער. דאָס בלוט שלאָגט מיר אין פּנים, עס ווערט מיר ענג ביים האַרץ. וווהין וועל איך אַנטלויפֿן פֿאַר חרפּה? איך וויל צוריק אַרויסלייגן די באַרנעס, אָבער דאָס האָב איך אויך מורא. איר לאָז מיר מיט די פּיס, ווי זיי וואָלטן געווען געשמידט אין קייטן. מיר נעמט אויסדאַכטן, אַז עס שטרעקן זיך אויס צו מיר צווייגן, פֿלעכטן זיך צונויף און ווילן מיך פֿאַרהאַלטן. איך ווער באַטויבט און פֿאַרליר דעם זין, בין ג״ייט זיך צו צעשרייען, אַז דאָס האַרץ זאָל אויפֿפּלאַצן פֿון דער קלעם. דאָס קען איך אויך נישט, אַלץ איז ביי מיר אָפּגענומען. און איך בין שוין ביים טירל, פֿאַרהאַק עס הינטער מיר. אַ ווייל שטיי איך אין קאָרידאָר, קוק אַהין צום סאָד — גאָרנישט, דער פֿלויט נעמט אים אַרום. עפּעס אַ פֿויגל האָט זיך שטאַרק צעשריגן אויף אַ בוים, ווי ער וואָלט געשמיסן.

איך לויף אין שטוב אַריין. די מאַמע פֿרעגט מיך, וואָס איך בין אַזוי בלאַס, צי איך האָב מיך נישט געשלאָגן מיט

חעמפען. כ'נעם טון איר אָוועק ס'פּנים און הייס אָריינרופן די קינדער: „כ'האָב עפּעס פאר זיי".

כ'הער די טריטלעך, זייער אימפּעדיק לויפן, באנעם מיך צוריק מיט די אייגענע, דאָס באַרויִקט מיך, פאַרטרייבט די מורא. אַלע שטייען און בויערן מיט די בליקן, ווי איך לאָז אויף דאָס רייפל אַרום דער הויז און עס פאַלן אַרויס דריי גרויסע באַרנעס.

די מאַמע צעשמייכלט זיך קרום, ווי שטענדיק בעת זי נארט אָפּ אַ געוועלבניק מיט אַ תּרוץ: „מע זאָל נאָר דיך גישט כאַפּן". די קינדער שפּרינגען אונטער, וואַרפן מיט די הענטלעך „אוי ווייי", און רירן זיך נישט צו. איך גיב זיי אַ זאָג מעשה בעל-הבית: „נעמט, ס'איז פאַר ענק".

יעדער האָט אַ באַרנע, פּונקט.

די מאמע לאָזט נישט עסן בלויז, זי האָט טאקע היינ: נישט וואָס צו קאָכן, זאָל מען צועסן ברויט. די באַרנעס צע-גייען דאָך, האָט זי אַ צי געגעבן דעם זאפט, וואָס איז איר גערונען איבערן מויל. איר פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט, עפּעס געשמאָלצן געוואָרן מיט אַ שיין: „געלויבט צו גאט, די קינדער האָבן עפּעס געגעסן". און די קינדער האָבן לאַנג געגנאָטשט דאָס שטרענגל ביז ס'איז פונם עק געוואָרן אַ בערש-טעלע מיט האָר.

דער קראנקער, וואָס מיר האָבן אים שוין פאַררעכנט פאר טויט און מיט גאָרנישט אין שטוב זיך געקרעמפּירט פאַר אים, האָט זיך די גאנצע צייט צוגעקוקט, געוואָלט אַרויפציען אַ שמייכל אויפן טריקענעם פּנים און זיך געוואָנדן צו מיר: „גוט שלמה, נעם וויפיל די קענסט".

איך האָב מיך זייער גוט געפילט, וואָס איך הייב אָן, עפּעס אַהיימצוברענגען. איך האָב מיך שוין געזען אין אַ ראָל,

ווי איך רעכט אויף די שטוב. כ'וועל די מאַמען אויספאַשען. די ביינער וועלן איר נישט אַזוי אַרויסשטאַרצן פון די באַקן, פונם האָרץ-ברעטל, די קינדער וועלן זיין זאַט, אַלץ צוליב מיר. איך לאָז מיך אין סאָד אַריין, כ'בין נאָך אַלץ נישט זיכער מיטן הונט, צי ער וועט מיך נישט כאַפּן. איך פאַל אויף אַן המצאה: כ'וועל אומישנע אַריינלייגן אַ באַרגדל און הויז אַריין, אַזוי אַ קליינס, מען זאָל מיך אין גאָרנישט חושד זיין און וועל אַליין צורופן דעם הונט. איינס און צוויי און איך שריי שוין איבערן סאָד: „בורעק!" „בורעק!" דער הונט קומט צולויפן, שפרינגט מיר אַקעגן, וואַרפט מיטן עק, איך לויף, ער — נאָך — גאָרנישט. נאָך די שרעקלעכע מעשיות, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין חדר צווישן די ייִנגלעך פון הונט, וועלכע כאַפּן אויף מיילן ווייט אַ מערדער, לאָזן זיך אויף אַן אָרט, ווי אַ גנבה ליגט באַגראָבן אין אַ טיפן וואַלד און נאָרן זי אויף מיטן פיסק, איז דער הונט ביי מיר אינגאַנצן געפאַלן. אַ קאַלב איז עס, נישט קיין הונט, האָב איך געשמייכלט צו מיר און האָב אים דער־לאַנגט אַ פעטשל איבערן קאָפּ. כדי צו פאַריאָגן דעם מינדסטן צווייפל, לאָז איך מיך טאַקע מיטן הונט צווישן די ביימער, לייג אַריין באַרנעס פאַר זיינע אויגן אין די הויזן אַריין. ער גאַפּיעט, דרייט מיטן עק און ציטערט ביי יעדן האַנט-באַוועג, צי איך גיי אים נישט שלאָגן. איך גיב אַ פאָך, ער אַנטלויפט אַ פּאָר טריט. איך טו עס מיט הנאה פאַר די פריערדיקע שרעק און בין שוין אויף יענער זייט טירל.

די קינדער וואַרטן מיך אָפּ ביי דער טיר.

ביי מיין אַריינקומען, לאכן זיי אין די הענט אַריין, אַז די וועגט זאָלן אַפילו נישט זען, וואָס דאָ קומט פאָר.

די מאמע לאָזט איצט שוין נישט עסן די באַרנעס רויער־הייט, זי וועט אָפּקאָכן אַ קאָמפּאָט. נאָך טעג, וואָס די לערע

טעם האָבן מיט ליידיקייט פון אַ פּאַרוויסט פעלד געשטאַרטשעט אין שטוב אַריין, האָבן זיי איצט אויפגעלעבט, חיות אַריינגעקריגן. ס'איז אויפגעגאַנגען פון זיי אַ ווארעמקייט, אַ געדעמפטער גערוך פון פּרוכט, פון צימרינג, וואָס איז ביי אונז געלעגן נישט פאַרניצטערהייט. איבער דער שטוב איז זיך צעגאַנגען אַ יום-טובדיקער ריח. אויף דער מאַמעס פּנים האָט זיך אָפּגעשלאָגן דאָס פלעמל פון קעכל, ווי אַ שיין פון גאָלד. די קינדער האָבן אָנגעהויבן זיצן אין דער שטוב, וואָס ביז איצט פלעגן זיי גאַנצע טעג ליגן ביי די שכנים.

איך בין איצט שוין זיכער געווען, אַז איך וועל אויפריכטן די שטוב. געדאַנקען צעפליען זיך ביי מיר, היציקע, ווי פונקען, פונוואַנען איך זאָל אָנהויבן ברענגען אַנדערע פּראָדוקטן, אויסער פּרוכט. זיי קאָנען זיך נאָך אויף גאָרנישט אָפּשטעלן. אָבער איך גלויב, אַז איך וועל אַלע שטערונגען צעשמעטערן מיט מיין גליענדיקן ווילן.

איצט איז מיר געגאַנגען איינצונעמען נאָך איינעם אין שטוב: דעם טאַטן. ס'האַרץ האָט מיך אַפילו געשראָקן פאַר אים, ווי פאַר אַ דעמב נאָכן אונטערזעגן, ווען מען וויל אים צונעמען און מען האָט מורא, ער זאָל אַליין עמיצן נישט צודריקן. נאָר באַרוישט פון אַלעם לאָז איך מיך אין סאָד אַריין, מאַך עס שוין נישט כאַפּנדיק און קלויב מיר צו פון די שענסטע און בעסטע און גיב זיי איבער דער מאַמען נאָר פאַרן טאַטן.

איך וואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף זיין אָנקום. די מאַמע גרייט אים צום טיש אויסערן קאָמפּאָט, צוויי גרויסע באַרנעס אויף אַ טעלער.

נאָך איידער ער איז זיך געגאַנגען וואַשן, האָט ער זיך געפרעגט: „פון וואַנען איז דאָס ווידער?" די מאַמע האָט צו

אים געשמייכלט מיט אַ פאַרמאַכט אייגל: „פון סאָד, שלמה האָט זיי געבּרענגט״.

— אַ תכלית פונם יונג געוואָרן, דער סאַדאָווניק וועט אים כאַפּן, וועט ער אים אונטערהאַקן די פיס. און ער האָט זיי אַוועקגעשאַרט פון טישטוכל נישט צו עסן.

נאָכן טאַטנס רייד האָט זיך אויסגעלאָשן פון דעם אַלעם דער גלאַנץ, און ס׳איז אַפּער די נבלה, ווי פון הינטער אַ פּעל פון אַ פגירה.

פון סאָד בין איך נישט אַרויס.

די קינדער פלעגן זיך צופיל פרייען, אַז כ׳האָב פאַר זיי עפּעס געבּרענגט. זיי האָבּן זיך געשפּילט דערמיט האַלבּע טעג, געשמעקט דערצו, געזשעטיקט זיך מיטן ריח, ביז זיי האָבּן זיך פאַרגונען עס אויפצועסן. די מאַמע פלעגט זאָגן זעענדיק דאָס: „געלויבּט צו גאָט, ער לאָזט נישט אויסגיין מיינע קינדער״.

די נאָגנדיקע ליידיקייט, וואָס פלעגט ציִען פון יעדן ווינקל, איז פאַרטריבּן געוואָרן פון דער שטוב. דאָס אַלץ האָט מיך ווידער אָנגעצונדן און איך האָבּ געבּרענגט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

אָבּער דער סאָד האָט אויך געהאַט פאַר מיר פיל פאַרבּאָרגענע ערטער, צווישן צוזאַמענגעזעצטע בּיימער, אָדער אין גרויסן פון דונער אויסגעהוילטן בּוים, וואָס האָט מיך געצויגן דאָרט ערגעץ זיך צו באַזעצן און צו אַנטקומען פון דאַנען, מער זיך נישט דאָ צו בּאַווייזן. און עס זאָל זיך אָנהויבּן מיט מיר גאָר עפּעס אַנדערש, גאָר עפּעס אַנדערש. מיר האָט זיך פאַרוואָלט מיטנעמען עמיצן. וועמען? אמאָל אַ שמעטערלינג, וואָס האָט פאַרבּיק געפלאַטערט אין דער זון, אַ פייגעלע, וואָס האָט זיך צעשפּילט אויף אַ בּוים, אַ ווערמל, משה רבינוס אַ פערדל, וואָס איז אַרומגעקראָכן אויפן גראָז און איך האָבּ עס געהאַלטן

אויפן אויג, ווי אַ פּאסטוך די סטאדע. און וועל זיך מיט דעם אַרומשפּילן און ס׳וועט זיין מיינס, מיינס.

און וועלנדיק ערגעץ אַנטקומען, האָב איך זיך גענומען קאָלערן אין גראָז, געטאָרעט זיך אין דער ווייכער מאָכיקייט, זיך געדרייט, געדרייט, דעם קאָפּ פארלוירן, ביז איך בין אין אומזיניקער פאַרמאַטערטקייט ,געבליבן ליגן אויף דער צעפרייכטער ערד און פאַרכליניעט זיך מיט אירע צעדופטעטע זוימען.

אָדער איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זון און עקשנותדיק זיך פאַרמאָסטן אַריין אין איר. עס האָט מיר פאר די אויגן אָנגעהויבן פליען פייערדיקע ראַנדן: ראָזע, פּאָמסענע, איינער וואַקסט איבער דעם אַנדערן; כ׳ווער פאַרגאָסן פון אַ ברענענדיקן קנויל, וואָס פאַרבלענדט מיך מיט ליכטיקייט, באַלמט מיך אַריין: כ׳געפין זיך, ווי אין אַ צעפינקלטן ראָזע קלאָש; ס׳צידערט אַזוי נאָענט אַראָפּ דער הימל, אז עס מוז דערנאָך לאַנג דויערן, ביז איך קען דערזען די ערד אַרום זיך.

אַז נישט האָב איך זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, די פיס קאָפּויר געהויבן און אויף די הענט זיך געלאָזן אין אַ ראָד, ווי אַ שפינדל בעת דער באַוועגונג. אַלץ האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאר מיינע אויגן. איך האָב זיך געדרייט, געדרייט, ווי אָט אָט פארשווים איך ערגעץ. און האָב אַלץ נישט געקענט נאָכקומען די זודיקייט, וואָס האָט גענומען שלאָגן אין מיינע געבליטן.

אָנגעבונדן אַ שטריק צווישן צוויי ביימער, געהוידעט זיך מיטן סאַדאָווניקס קינדער און פלעג אַ פארפלי טאָן העט, נאָר ערגעץ פארוואָרפן צו ווערן.

בלייבנדיק דאָך אויף דער ערד, האָב איך מיר דאָ געוואָלט שאפן מיינס אַן ערטעלע, אָבער נאָך מיט וועמען. איך

האָב אויפן הויף אויפגעשטעלט נעצן אויף פייגל. פאַר די גראשעלעך, וואָס איך פלעג ווען קריגן, האָב איך געקויפט הירזש, אַ פאָר שטיינער פאַרלייגט אין אַ „כאַפּער״. און אַז אַ פייגעלע האָט זיך אַ פאַרקלאַפּט געגעבן, האָב איך אויפגעציטערט פאַר אויפרעגונג. האָב זיך געגלעט דערמיט איבערן פּנים, פון מויל געגעבן צו טרינקען, אין בוזעם אַריינגעלייגט, עס זאָל מיר קיזשלען דאָס לייב מיט די פעדערלעך. צום סוף איז מיר איינגעפאלן צו „וווינען״ דערמיט. כ׳וועל עס אַריינלאָזן אין אונזער קעמערל, דאָס שליסעלע וועל איך צונעמען און מיר אַהין אַריין, ווען איך וועל וועלן. און דאָס וועט אַרומפליען, שפּילן. נאָר דאָס פייגעלע האָט זיך אויסגעזוכט אַ שפעלטעלע און—האָט מיך געלאָזן אין אַ נאָך גרעסערע אומרויִקייט.

אָדער איך האָב אַמאָל אין אַ רעגנדיקן טאָג אַ קליין הינדעלע געפּאַקט אונטער אַן אָפּדעכל. דאָס הינדעלע איז געשטאַנען אויסגעצויגן, די אייגלעך פאַרגלייזט, דאָס גערגעלע— איינגעצויגן און ציטריק געפּישטשעט.

מיר איז אַזאַ רחמנות באַפאלן דערויף. איך האָב עס אַריינגעהויכט אין יעדן פעדערל באַזונדער, אונטערגעטראָגן עס צום פּיסקל פון שענסטן און בעסטן, וואָס איך האָב געקענט. און, אַז ס׳האָט זיך מיטאַמאָל אַ צענעם געגעבן די פליגעלעך, אויפגעהאָדערט זיך און אָנגעהויבן גיין, בין איך אויפגעשפּרונגען ווי אַ גאָר נאָנטער וואָלט מיר פון טויטן־בעט אויפגעשטאַנען.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאכט, זיך נישט צושיידן דערמיט כ׳וועל עס האָדעווען, זיין דערמיט אינאיינעם. אָבער ווי טוטמען עס אַהין? איך האָב געזוכט מיטן בליק, ווו עס איינצוקוואַ־ טירן און האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף... אַ שטיוול פון מיין טאַטן, וואָס איז געשטאנען אין אַ ווינקל אומגענוצט. צעהין דזב איך עס אַריינגעלאָזט אויף ביינאכט, אָנגעשיט עס פאָשע פארן

לעצטן גראָשן און דעם שטיוול צוגעשטעלט צו מיין בעטל, ציטריק געוואַכט דעריבער, ווי אַ מאַמע איבער איר ערשט געבוירן קינד. האָב איך נישט געהערט קיין פּישטש בין איך געווען זיכער, אַז עס שלאָפט, שלאָפט זיך ערשט רעכט אויס נאָך דעם גאַנצן טאָג פּיין. כ'האָב מיר נישט פאַרגינען צו אָטעמען, כ'זאָל עס, חלילה, נישט איבערוועקן און בין איינגעשלאָפן מיט זיסע געדאַנקען, אַז מיט מיר שלאָפט ווער, אַ נאָנטער.

דער פרימאָרגן איז אָבער פאר מיר געווען אַ שווערער. אַז כ'האָב זיך אויפגעכאפט און געוואָלט אריינשטעלן אין שטיוול אַ פרישן טרינק אין אַ בלעכן שאַכטעלע, האָב איך אָנגעטאַפּט אַ קופּקעלע ביינדלעך מיט פעדערן, וואָס האָבן זיך נישט געגעבן קיין באַוועג.

איינמאָל, יאָגנדיק זיך נאָך פייגל, איז צופוסנס מיר פאַרביי אַ שוועלבל, געבלענדט הארט פארן אויג מיטן ווייסן גאָרסל און שיף אַ פאַרפלי געטון אונטער אַ דאַך אין אַ נעסט אַריין.

גראָד האָט זיך דער נעסט געפונען אין אַן אַלטן שייער, מיט אַ מאָכיק באוואקסענעם דאַך, וואָס איז געווען צעלעכערט, ווי אַ זיפּ און איז געשטאַנען אויפס-פעלד ליידיק, נישט אונטער קיינעמס אויפזיכט.

מיר האָט גלייך אַ בלאַנק געטון פאַרן געדאַנק: איך וועל ווערן דער טאַטע איבערן שייער מיט דער גאַנצער שוואַלבן-משפחה.

אויפהאַלטן זיך דאָ און די טשאַטע פייגל וועט זיך אַרומשפּילן ווי מיינע קינדערלעך, אַוועקפליען איבער דער ברייט פון דער וועלט נאָך חיונה און זיך צוריק אַהיימקערן.

איך בין געלאָפן אין איין אָטעם נאָך אַ לייטער אום אַרויף, זיך צו באַקענען מיט דער נעסט פון מיינע קליינינקע.

אַז איך האָב שוין געהאַט אַרויפגעטענצלט אויפן לעצטן

שטאַפּל און געגומען אַריינקוקן אין נעסט אַריין, זענען שוואַלבן האַרט פאַר מיין פּנים אַרויס מיט אַ פּאַך איינע, אַ צווייטע, אַ דריטע און איבערגעלאָזן די קליינינקע אומבאַפּעדערטע עופהלעך.

מיך האָט דאָס אַריינגעטריבן אין גרויס פאַרצווייפלונג. זייער קוים, קוים פּישטשען—הילפס-רופן מיט די לעצטע כוחות, האָבן מיך געשפּיזט. אוועק די עלטערן און אויף מיין מערכה איבערגעלאָזן די נאַקעטע שוועלבעלעך — וואָס הייבט מען אָן איצט טון? איך האָב זיך אַ לאָז געטון צו אונזערס אַ שכנטע נאָך מילך זיי אָנצוקאָרמען. איבערן וועג בין איך געלאָפן אויסגע־פּילט מיט איין געדאַנק: מיינע זענען זיי, מיינע, כ׳האָב שוין וועמען.

אַז איך בין מיט ציטערדיקע הענט מיט אַ שאַכטעלע מילך געקלעטערט אויפן לייטערל צו דער נעסט צו, האָב איך דערפילט מיטאמאָל אַ פעסטע האַנט אַרום מיינס אַן אויבערשטן טייל פוס, ווי ער וואָלט אַריין אין אַ צוואַנג.

נאָך איידער איך האָב זיך באַוויזן אומצוקוקן, האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינשיטן אין מיר קלעפּ אויף דער פּלייצע, אין הינטן מיט צוגעשרייען: „הונטס בלוט, צו פייגל עסטו זיך טשעפּן?״

איך בין געבליבן צוגעהאַקט צום לייטערל, זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. איך האָב נאָר געוואָלט אויפפּאַסן אַ מאָמענט און זען כאָטש ווער דער שלעגער איז, און האָב קוים געקענט כאַפּן אַ בליק אויף אַן אַלטיטשקן, מיט גראָע וואָנסעס, אין אַ גראַנאַטענער מאַטשעיוווקע.

איך בין אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן און האָב שוין פון דאַמאָלט אָן געלאָזן די פייגל הינטער זיך.

ד.

דאָס ערשטע מאָל

אין איינעם אַ באַגין בין איך געוואָרן אויפגעריסן פון אויסטערלישע געשרייען.

ווי מיט אַ שאַרף, וואָס ווערט געצויגן פון אַ שייד, האָט דאָס אויפגייענדיקע ליכט פון דער נאַכט אַרויס, אויפגעשניטן אין אונזער שטוב אַ קרענצל ווייבער אין דרעס. זיי האָבן מיט צעשריגענע קעפ אויסגעשטרעקט די הענט און געבראָכן זיי, געטאָפּעט מיט די פיס, געהאַקט אין קאָפּ אַריין מיט צוגעבײלטע פויסטן. יעדע האָט דאָס געטון פאַר זיך, פאַר זיך, נישט זיך געקריגט מיט קיינעם, נישט געשלאָגן.

ווער איז דאָ שולדיק?

איך האָב געוואָלט הערן אַ נאָמען, אָבער דערטראָגן האָבן זיך מיר געוויינען, לאַנגע, בויערנדיקע, וויפל דער אָטעם האָט נאָר אויסגעטראָגן: און ווי מי—ע— — —ררר!!!

איך האָב אינטערגעהויבן דעם קאָפּ, אויף דער ערד נעבן דער טיר זענען געשטאַנען צוויי אָנגעצונדענע ליכט. זיי האָבן אַוועקגעשאַרט אַרום זיך דאָס רעשט טונקלעניש, וואָס האָט זיך געהאַלטן, ווי אַ רויך אַרום דער פּאָדלאָגע, און דעם בלאַסק פון טאָג געלבלעך קראַנק קייגנגעשיינט.

די ליכט האָבן אָפּגעשלאָגן אַ געלענער צו דער טיר צו, מיט אַ שוואַרצן געוואַנט איבערגעהילט, פונוואַנען ס׳האָט זיך געשוואָלן אַרויפגעהויבן אַן איבערגעדעקטע פיגור פון אַ מענטש. ביים עק, אויף אַ פּאָר שטרוי אונטערגעבעט, האָבן שטאַר אָפּערגעשטעקט וואַקסענע פּיאַטעס פון פּ׳ס, מיט נעגל, מאַט-פּלעקיקע, וואָס האָבן געשראָקן, ווי פאַרגלייזטע אויגן.

איך האָב אַ בליק געוואָרפן צום קראַנקן, ס׳בעט איז געווען ליידיק. דאָס איבערבעט איז געלעגן אויפגעשפּרייט, דאָס קישן — פאַרוואָרפן אין אַ זייט. און קנייטשן האָבן זיך מוראדיק געצויגן אין זיי, ווי נעגל וואָלטן זיך דאָ געהאַט איינגעביסן.

איך האָב שוין געהאַט געזען ליכט נאָך אַ טויטן. נאָר יענע זענען געווען מזכיר-נשמות-ליכט, ביי וועלכע די מאַמע פּלעגט זיצן און אין דער שטיל תפילה טון.

דער טויטער איז נישט געווען. בייטאָג — אינם גאָלד-צעשמאָלצענעם פלאַם פון ווייסן ליכטל אויף אַ קלאָר טישטוך׳ ריחות פון יום-טובדיקע מאכלים אין שטוב — האָב איך אים געזען, דעם טויטן, אַ געלייטערטן, וואָס זיצט אוודאי אין גן-עדן ביים שמעקעדיקן טייך בוימל.

איצט האָבן די דאָזיקע ליכט אַ שוואַרצע בהלה צעפּאָכעט איבער מיין קאָפּ. די קניִען האָבן מיר· גענומען ציטערן און אַ מורא האָט געשניטן ס׳האַרץ. ס׳האָט מיר אַלץ אויסגעדאַכט, זעענדיק דעם איבערגעדעקטן קאָפּ, אַז דער מענטש ליגט פאַר-פּאַקט, קען דעם אָטעם נישט כאַפּן.

מיר איז ענג געוואָרן נאָר דערוואָרגן צו ווערן. און אַן אַנגסט האָט מיך אַרומגענומען, אַן אַנגסט צו לעבן.

אַרום די ליכט זענען אויף פּיסנבענקעלעך, אויף אומגע-לייגטע שטולן, געזעסן עטלעכע יידן מיט אַריינגעשאָקלענדיקע בערד אין אָפענע ספרים אריין, אז מען האָט קוים געזען די

פנימער. אַלץ האָט זיך געבויגן, געוואָרפן, ווי אַ שטורם וואָלט דאָ אַריבער. און אַ שווארצע בלינדקייט איז אויף אַלעם געלעגן נישט צו דערזעען גאָר, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון. דער שפּיגל אויף דער וואנט האָט געהאָנגען אויסגעדרייט מיטן באָדעם אויף דער שטוב ארויס — פאַרהאַקט, טויט, בלינד.

די מאַמע איז אַרויסגעשווומען פון אַ ווינקל, איז צו אונז צו און גענומען טרייבן: „אַרויס פון די בעטן, קינדער טאָרן דאָ היינט נישט זיין!"

זענען מיר, די דריי קינדער, אַריבער די שטוב און געשטאַנען אין פאָדערהויז איינגעטוליעטע, ווי די הינדלעך אונטער אַ רעגן.

די טירן פון טונקעלן קאָרידאָר זענען געשטאַנען אָפענע, צעפּראַלטע. די שכנים זענען פון זיי אַרויס און אַריין.

מיך האָט דאָס אַריינגעטריבן אין נאָך מער מורא. דער שטורם, וואָס האָט מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז ער איז דאָ פאַרפאַרביי, האָב איך אים נאָך בולטער געזעען אין די אויפגעפּראַלטע טירן.

אַ שכנטע האָט אונז אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב און האָט פאר אונז אַנידערגעלייגט ברויט צו עסן.

איך האָב מורא געהאַט ביים וואַשן זיך, צו קוקן אין וואַסער אַריין: דער מלאך-המות שווענקט דאָך אָפּ אין הויז פון טויטן זיין חלף אין וואַסער, האָב איך געהערט צווישן די יינגלעך. שפּעטער האָב איך מורא געהאַט אָנצורירן ס'מעסער, ס'האָט מיך דערמאָנט אָן בלוט, איינגעשניטענע העלזער.

די מאַמע איז אונז יעדעס מאָל געקומען אייננעמען, מען זאָל זיך נאָר נישט שרעקן, ס'וועט שוין לאַנג נישט דויערן, און מען וועט שוין האָבן אַליין די דירה — האָב איך געהערט אַ צופרידנקייט אין אירע לעצטע ווערטער.

ווען מען האָט בײַ אונז אָפּגעפּסקנט, אַז דער קראַנקער וועט שוין לאַנג נישט לעבן, האָב איך אין זין געהאַט מיך שטאַרק צוצוקוקן, ווי מען גייט דאָס איבער אויף יענער וועלט. דאָ בין איך גאָר פאַרשלאָפן. איך האָב געפרעגט דער מאַמען:

— ווי אַזוי איז ער געשטאָרבן:

— איינגעשלאָפן, ווי אַ הינדל, מען האָט קיין פּיפּס נישט געהערט.

דאָס האָט מיך נאָך מער געבריִנט. אָט גייט מען אויס, נישט מען הערט, נישט מען זעט.

אויפן הויף האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר יידעלעך מיט פאַר־שמאָלצענע כאַלאַטלעך, ווי פון אַ יאַטקע, און האָבן אַנידער־געשטעלט אַ שוואַרצע מטה.

די געוויינען, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט איינגעדושעט, האָבן, ווי פאַרשטעקטע פלאַמען אויפסניי אָנגעהויבן זיך אַפּעררייסן.

מיטאַמאָל האָבן, ווי קראָען אויפן מיסט, ווען מען וואַרפט עפּעס אַרויס, ווײַבער גענומען זיך צונויפשאַרן פאַרן קאָרידאָר אין אַ קרענצל, קעגן דעם אַרויסגעטראָגענעם בר־מינן. זיי האָבן געקראַקעט הייזעריקלעך: „אַזאַ יונג לעבן", „אַזאַ פאַרשניטן לעבן".

יידן אין אַ צונויפגעדריקטער קופּע זענען געגאַנגען אין אַ שטומער אָנגעבלאָזנקייט, באַוויגן זיך פאָרויס, ווי אונטער־געזעגטע קלעצלעך צום פאַלן.

פיר האָבן אויף די אַקסלען אַרויסגעטראָגן די מטה צום טירל, און אַלע זענען מיטגעגאַנגען.

דער שוואַרצער פלעק פון ,ער פירקאַנטיק איבערגעדעקטער מטה, וואָס מען האָט געטראָגן אין דער הייך, שוואַרצע, קלאָגע־דיקע מלווים נאָך, האָבן זיך גענומען שניידן אין ליכטיקן אוויר פון וועג. מיר האָט דאָס אויסגעוויזן, אַז זיי ווילן דאָס העל־קייט פון טאָג, דאָס לעבן דערין, אונטערשניידן איבער זייער

גאַנג, ווי אַ דימענטל, וואָס שניידט איבער אַ צעבלאַנקטן שפּיגל פול מיט אויפגעכאַפּטע מע׃טשן און עס פאַלט אַרויס אַ שוואַרצער דנאָ. פון דער ווייטנס האָט זיך אַפּערגעזען פון הינטערן צוקאָפּנס פון שוואַרצן צודעק בלענדיק־ווייסעס — די תכריכים. דאָס ווייסע האָט זיך גענומען שרעקענדיק מישן מיטן שוואַרצן, דאָס שוואַרצע — מיטן ווייסן, ווי אַ שוואַרץ־אַפּל פון אויג זאָל זיך צעמישן מיט ווייס פאַרגלייזטקייט.

די לעצטע געוויינען האָבן זיך אַרויסגעקוילערט. דעם הויף האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטומע פרעס, וואָס האָט אַזש גענומען קלינגען מיט די קלאָגן, וועלכע זענען דאָ ערגעץ אין חלל געבליבן שטעקן. יעדע מינוט האָט מיר אויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע שטילע פאַרקלעמטקייט וועט אויפברעכן און ס׳וועט פון איר אַרויסשפּרינגען עפּעס, וואָס וועט אַלץ פאַרוויסטן, אָפּמעקן.

די שויבן אויפן הויף אַרום, וואָס קיינער איז הינטער זיי נישט געווען, האָבן גענומען צו מיר קוקן מיט זייער גלאָזיקן גלאַנץ, ווי אָט־אָט שפּיגלען זיי אויף פאַר מיר דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ געבליבן פאַרהוילן. איך האָב מורא געהאַט מיך אומצוקוקן, עס זאָל זיך טאַקע נישט באַווייזן.

איך האָב געלאָזט שטיין די קינדער און בין אַרונטע־ אויפן הויף הינטער דער מויער, געוואָלט אַנטלויפן ערגעץ. אָבער דאָ האָט מיר, ווי אויף להכעיס, קעגנגעשיינט פון אונזער פענסטער אַן אָנגעצונדן נש־ה־קנייטל איינגעשטעקט אין אַ גלאָז בוימל. דאָס פלעמל האָט געלבלעך־עלנד געהויבן דאָס קעפּל פון דעם בוימל־טייכל אין ליכטיקן טאָג אַריין, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַ צייכן פון יענער וועלט, ווי אַזוי מען ברענט, מען גייט אויס, מען טרינקט זיך. און ס׳האָט מיך פאַריאָגט אין סאָד אַריין.

דאָס גאַנצע אַרום האָט ווי שוין צווייטע געהאָנגען, אַ שוואַרצקייט איז מיר נאָכגעגאַנגען, וואָס האָט אויסגעמעקט דעם בלי אין יעדן געוויקס. די ביימער מיט פרוכט — שטעקנס אַריינגעשטעקטע. איך האָב געוואָלט באַרויִקן מיין אומרו און האָב מיך אַרונטערגעלייגט הינטער אַ בוים, אָנגעלענט דעם קאָפּ אונטער אַ האַנט. מיטאַמאָל האָב איך דערשפּירט דעם געוויין פון דער ערד און בין אויפגעשפּרונגען, ווי פון אַ ביס. ס'האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי איך ליג אין איר באַגראָבן, מען טראָגט מיך אַוועק פון דאַנען און מען פאַרשיט מיך אין איר.

איך האָב אָנגעהויבן לויפן איבערן סאָד. אין מיינע שפּרייזן האָב איך געפילט, ווי די סטאָפּעס האַמעווען זיך מיר ביים אַראָפּלאָזן, ווי איך זאָל טרעטן אויף קברים. איך האָב געשטאָלפּערט, געשטאָלפּערט. פאַר די אויגן האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו צעשאַרן די ערד: גריבער — בערגלעך, בערגלעך — גריבער. אַזעלכע האָב איך געהאַט געזען תשעה־באָב אויפן בית־הקברות. עס איז מיר געוואָרן ענג, טונקל, דער קאָפּ — זיך געמישט און האָב קוים צוגעצויגן צו דער בויד פון סאַדאָווניק, אַרויספאַלנדיק אויף דער קופּע אויסגעבעט שטרוי.

דער סאַדאָווניק האָט מיך באַשפּריצט מיט קאַלט וואַסער. די קינדער זענען אַרום מיר אַרומגעשטאַנען. ער האָט מיך אָנגענומען ביים דופק און איך האָב געהערט, ווי ער זאָגט: „ס'מוז אַוודאי זיין פון תענית, כ'האָב געהערט שמועסן אויפן הויף, אַז מען גייט ביי זיי אויס". און צו מיר האָט ער זיך געוואָנדן: „האָסט שוין היינט עפּעס געגעסן, שלמה?".

איך האָב מיך שטאַרק צעשלוכצט. כ'האָב נישט געוויינט מיט די אויגן, נאָר מיטן האַרץ. ס'האָט מיך אינגאַנצן געטרייסלט. און עפּעס איז מיר גוט געווען אין דער מינוט, ווייל ס'איז מיר שלעכט. איך האָב אינדערשטיל אויף מיר געבעטן נאָך ערגערס,

אַפֿי מען זאָל אַזוי אַרומשטיין אַרום מיר און מיך באַדויערן. איך האָב געקריגן פֿון סאַדאָווניק ברויט מיט צוואָרעך. ער האָט עס מיר געשטופּט מיט זיין האָריק־בּרוינער האַנט: „נעם, נעם, שעם דיך נישט, ביסט דאָך שוין ביי אונז אַן איינענער".

איך האָב געגעסן. יעדן ביס, וואָס איך האָב אַראָפּגע־שלונגען פֿון דער מיטליידנדיקער האַנט, האָט מיך צוריק צוגע־בונדן צום לעבן. איך האָב געקייעט, געקייעט און בין אויפגעשטאַנען.

נאָך איידער כ'האָב מיר אויסגעשטאָרכעט די אויגן, האָט זיך געעפֿנט די פֿורטקע. אין סאָד איז אַריין אַ ברייטע אַל־טיטשקע אין אַ פֿליטשינקע פֿאַרטוך, מיט אַ ווייסער הויב אויפֿן קאָפּ און האָט געפֿירט אַ מיידעלע ביי דער האַנט. אויפֿן גראָז האָט דאָס מיידעלע זיך באַפֿרייט פֿון דער אַלטיטשקער און איז צוגעלאָפֿן צום ביידל, ווו עס איז אַרומגעזעסן די פֿאַמיליע פֿון סאַדאָווניק. זי האָט געטראָגן אַ געפֿלאָכטן קייבערל, אַ פֿלאַ־טשיקס, ווי אויף בלומען. צוקומענדיק, האָט זי געמאַכט אַ קניקס און געזאָגט: „גוטמאָרגן, די מאַמעשי האָט מיך געשיקט נאָך פּלוימען", און האָט אויסגעשטרעקט דאָס קייבערל. ביים דער־לאַנגען האָט זי אַ שאָרך אויף געגעבן דאָס מיילעכל אין אַ שמייכל.

דעם סאַדאָווניקס ווייב, אַ שוואַרצע יידענע אין אַ שלאָף־קופּקע, איז געזעסן די פֿיס הינטער זיך און האָט געשאָבן נייע קאַרטאָפֿל. זי האָט זיך אויך צעשמייכלט און געזאָגט צו די צוויי מיידלעך אירע — אַ שוואַרצע און אַ הויכע, ווי די מוטער, און אַ קלענערע, אין מיינע יאָרן, מיט אויסגעצוויקטע באַקן, ווי רויטע ווינטער־עפּל, וועלכע זענען געזעסן מיט פֿאַרשוואַרצטע הענט און איבערגעקליבן אויבס:

— סאַראַ ליבטיק קינד דאָס איז, זי איז דאָך משה שיפּס אַן איינינקל.

אין דער אמתן, ווי נאָר זי האָט געעפֿנט די פֿורטקע,

האָט זי אַריינגעבלאָנקט. זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין ווייסן, לעטשעלעך ווייסע, זעקלעך און אַ ווייס יאַקעלע מיט קאַר־בירטע פעלדלעך.

דעם סאַדאָווניקס ווייב האָט צו מיר געזאָגט:

— שלמה, לויף אַהין צו דיביימלעך, וועסטו אָפרייסן אַ קייבערל פלוימען.

דאָס מיידעלע האָט מיך אָנגעקוקט און האָט געזאָגט צו דער אַלטיטשקער, מיט וועלכער זי איז געקומען:

— טויבע, איך וועל מיטגיין, ווו מען רייסט די פלוימען.

די אַלטיטשקע האָט גענומען אָנשרייען אויף איר:

— ניטע, מרימל, די מאַמעשי הייסט דיך נישט אָפלאָזן פון דער האַנט.

דאָס מיידעלע האָט גאָרנישט געקוקט און האָט אָנגע־הויבן לויפן.

מיר האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן שפּרינגען, נאָר אַרויס — זי גייט יאָ מיט.

זי האָט אָנגעהויבן לויפן אין אַן אַנדערע ריכטונג. איך האָב צו איר אַהינגעשריגן: „נישט דאָרט, דאָ אַרום״, און זי האָט זיך אומגעקערט צו מיין זייט.

איך בין מיט איר געגאַנגען איבער דעם גרינעם טאָל פון הויכע גרעזער, איבער אונז — אַ געפלעכט פון בוימער. מיר האָט זיך גענומען אויסדאַכטן, ווי נאָר מיר זענען געבליבן אַליין, אַז די צווייגן פאַרהילן אונז, אַז איך בין מיט איר ערגעץ אַריין. די שאָטנס אויפן גראָז האָבן זיך געשפּרייט פאַר מיר, ווי דערעס, וואָס מען הילט אויף אַנידערצולייגן זיך אויף זיי. זי איז געלאָפן פאָרויס און מיט אירע פיסלעך, אין ווייסן אָנגעטון, האָט זי פאַר מיר העל געצונדן די גראָזן. זי האָט עפּעס באַמערקט אַ פרוכט אין גראָז און האָט זיך אַנידערגעבויגן. די געקאַרבטע

פֿעלדעלעך אין ווייסן יאַקעלע האָבן זיך צענומען. אַז זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זענען זיי זיך צונויפֿגעגאַנגען. דערביי האָט דאָס געצויגן ביים האַרץ, ווי ביי די פֿאַלדן פֿון אַ האַרמאָניקע, וואָס מען ציט אויף און צו בעתן שפּילן.

איך בין אַרויף אויפֿן ערשטן ביימל פֿלוימען, צו וועלכן איך בין צו. זי האָט מיר דערלאַנגט דאָס קייבערל און די גאַנצע צייט אַרויפֿגעקוקט. איר בלייך, שמאָל פּנימל, מיטן שפּיציקן גאָמבקעלע, דאָס קאַנטיקע נעזל, די ציינדלעך, די גראָע, באַשיינטע אויגן, אַלץ האָט אין מיר אַריינגעקוואָלן. און זי האָט נישט געקאָנט איינשטיין, געטאָפּעט אויף די שפּיץ־פּיסלעך און די צוויי ברוינע צעפּלעך האָבן זיך געוואָרפֿן, ווי דיוויזקעלעך.

איך האָב דערגרייכט אַ גרויסע, לאַנגע פֿלוים און האָב זי איר אַראָפּגעוואָרפֿן:

— נעם!

זי האָט זיך אומגעקוקט, צי מען זעט נישט.

— שאַדט נישט! — איז מיר איינגעפֿאַלן איר צו זאָגן, רייטנדיק אויפֿן בוים, — האָב נישט קיין מורא, דער גאַנצער סאָד איז אונזער. איך קען דיר געבן אַלע עפּל מיט אַלע באַרנעס, דער הונט טוט גאָרנישט. ווועסט קומען?

זי האָט אַריינגעשטעקט די צוויי הענטלעך צווישן די קני, אַזוי זיך געבויגן און צו מיר אַרויפֿגעקוואָלן:

— יאָ!

דער „יאָ" האָט מיר אַ שלאָג געטון צום האַרץ. איך האָב איצט געבראָכן אומברחמנותדיק די צווייגן צו מיין זייט און האָב געריסן פֿון זיי. ווו ס'איז מיר עפּעס אונטערגעקומען אַ גרויסע פֿלוים, האָב איך זי צו איר אַראָפּגעוואָרפֿן. זי האָט אַרויפֿגעלאַכט און זי פֿאַרשטעקט אין אַ טעשל, איך זאָל זען. דאָס האָט זי געמאַכט נאָענט צו מיר — מיר ביידע באַהאַלטן

עפּעס אויס. איך האָב שוין דאָס ביימל אַרומגעפּליקט און דאָס קייבערל איז נאָך נישט געווען פול. איך האָב עס איר דער־לאַנגט, אויסציִענדיק זיך שיף אין דער גאַנצער לענג, און זי — געשטעלט זיך אויסגעשטרעקט אויף די שפּיץ פינגער. אַזוי האָבן מיר זיך לאַכנדיק געצויגן, ביז מען האָט זיך דערגרייכט.

ווי אַ פייל, אַן אַרויסגעשאָסענע, בין איך אַראָפּ פון בוים און מיך געלאָזט צו אַ צווייטן. איך בין געלאָפן נעבעך אַרום, איבער בריעכן, קוש־קעס, אָבער גאָרנישט געשפּירט; האָב איר געוואָלט ווייזן, ווי שנעל איך קלעטער אויף אַ בוים און ציִענדיק זיך אויף דער צעפּאַדעטער הויט פון שטאַנג, האָב איך מיר אַריינ־גענומען אַ שפּליטער אין פוס. כ'האָב געוווּסט, אַז מען מוז אים אַרויסנעמען, טאָמער נישט — וועט דער פוס אויפלויפן. אָבער איך האָב אים געלאָזן, נישט געוואָלט איר ווייזן, אַז מיט מיר איז עפּעס געשען ביים קלעטערן.

נאָך איידער איך האָב מיך באַזעצט אויף אַ צווייג, איז די אַלטיטשקע אונטערגעקומען, געכאַפּט דאָס מיידעלע ביים הענטל און זי אַוועקגעריסן פון מיר:

— גענוג, גענוג שוין, מען דאַרף אַהיימגיין.

זי איז נישט גערנווייליק נאָכגעגאַנגען. דאָס האָב איך געזען, לויט ווי די אַלטע האָט זי געצויגן ביים הענטל. מיר האָט דאָס וויי געטון, ווי מען וואָלט פון מיר געווען געריסן. די אַלטע, האָט מיך פאַרגלוסט, אַנידערצוואַרפן און צו צעטרעטן, טרעטן אויף דעם מאָטשיקן פלייש. געבליבן בין איך זיצן אויפן בוים. איך האָב געהערט, ווי דאָס טירל פון סאָד האָט זיך געעפנט און צוריק פאַרמאַכט. ביי מיר האָט דער פאַרהאַק פון טירל עפּעס אָפּגעשניטן, אַזוי געטריפט האָט מיר פון האַרץ. איך בין אַראָפּ פון בוים. אָבער וווּ גיי איך? אַהין צו דער בויד האָב איך נישט געוואָלט, נישט געוואָלט זיך אַוועקזעצן

צווישן די שוואַרצע מיידן פון סאַדאָווניק, מיט די פּאַרטמאַליעטע העגט פון שיילן וועלשענע ניס.

איך האָב מיך אַרונטערגעלייגט הינטער אַ בוים און נישט געקאָנט איינשלאָגן. ס׳ערשטע מאָל האָב איך דערפילט, ווי עס ציט מיך צו ווערן. דער בוים, הינטער וועלכן איך בין געלעגן, איז געווען דורכגעגעבערט פון דער זון און פאַרצויגן מיט ליכט-שנירלעך. איך בין געלעגן סתם-אַזוי, זיך צוגעהערט צו אַ פויגל, וואָס האָט געשפּילט ביים וואַסער.

מיטאַמאָל, ווי דאָס מיידעלע וואָלט זיך געווען באַזעצט אין מיר, האָט זי אָנגעהויבן אויפגיין. זי האָט זיך מיר געשטעלט פאַר די אויגן. דאָס פּנים האָט געשיינט און געלאַכט צו מיר, צו מיר. איר אַנדער מינימדיקייט, אין ווייס מיידלשן אָנגעטון — האָט געשפּילט צו מיר מיט אַזויפיל לוסט.

אויף דער זון האָט זיך אָנגערוקט אַ טונקל וואָלקנדל און זי פאַרדעקט, ווי מען פאַרהילט אַן אָפּגעפּוצטן העננג-לייכטער. ס׳איז אָנגעקומען אַ ווינטל און זיך גענומען שושקען צווישן דיביימער. איך בין אויפגעשטאַנען. דער סאָד האָט זיך עס איצט אויפגעהילט פאַר מיר: אַ שאָרכנדיקער געמורמל פון בוים צו בוים; זיי שטייען, די ביימער, אין דער ערד, ווי מען וואָלט יעדן אַרומגענומען — פעסט מיט אַ שוואַרצן בוזעם צוגעדריקט. אַרום זיי—גרעזלעך פון איין גרויס שאָקלען באַזאַמען די קעפּלעך. די בלעטלעך באַרירן זיך, אַ בלעטל—אַ בלעטל, גלעטן זיך מיט די בעקלעך. די צווייגן, נאָר זיי שטרעקן זיך אויס, אויף ערטער— פלעכטן זיי זיך צוזאַמען. דאָ, וווּ זיי קענען זיך נישט דערגרייכן, בייגן זיי, נייגן זיך איינע צו דער אַנדערער. און די פרוכטן? די רויטע עפּל-בעקלעך מיט די ווייסע קאַרטשיקלעך אַרום די העלזלעך, קוועלן דאָס הערץ צו די ברוינע באַרנעס קעגנאיבער, וואָס

הענגען אויף די שטענגלעך מיט די קעפּ אראָפּ, ווי געשיקטע יונגען זאָלן זיך כאַפּן אויף הויכענישן, די פלוימען, בלייך באַטויט, מיט איידעלע פּנימער, הילן זיך צווישן די טונקעלע צווייגן, ווי אין גרינע שאַלן און כאַפּן אַ בליק אַפּער. און איך לויף צווישן דעם אַלעם. איך בין פאַרביי דעם פון דונער אויס־געהוילטן בוים, וווהין איך האָב געוואָלט אַמאָל אַנטקומען. איצט האָט מיך דאָס פאַרבאָרגענע אָרט מער נישט געצויגן צו פאַר־שווינדן דאָרט.

פאַרנאַכט־צו בין איך געלאָפן אַהיים. דאָס נשמה־קנייטל אויפן פענסטער האָט אָנגעהויבן אויפגיין, פאַנאַנדערבליען זיך. מיר האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט, ווי מען האָט זיך שוין גענו־מען „דאָרט״ צום טויטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צונויפקומען אַ מנין יידן און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. צוויי גראָ־שענע ליכטלעך פאַרן עמוד האָבן אויפגעהאַלטן דעם אָוונט, אַז ער זאָל זיך נישט מיט דער גאַנצער פינסטערניש אַראָפּלאָזן אויף אונדזער שטוב. אויף דער פּאָדלאָגע ביי דער טיר זענען נאָך געבליבן וואַסער־פלעקן פון דער טהרה, וואָס האָבן אָנגענומען געשטאַלטן פון הויקערדיקע קעמלען מיט ווילדע משאות.

די פּסוקים פון קרבנות זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ טרויעריקן ניגון, ווי זיי וואָלטן נישט דערציילט, ווי אַזוי צו ברענגען אַ קרבן פאַר גאָט. פון דעם ניגון אַרויס האָב איך גע־הערט, אַז אַלץ איז נאַריש, נאַריש, מען וועט אַלע שטאַרבן. ביי שמונה־עשרה איז אַריינגעטרעטן אַ שניידיקע שטילקייט. די שוואַרץ־אָנגעטועגע יידן האָבן זיך שטום געשאָקלט; די שאָטנס אויף די ווענט, שווערע און גרעסערע ווי די מענטשן — מיטגע־שאָקלט. און עס האָט זיך עפּעס פאַרוואַנדלט: די מענטשן אין שאָטנס, די שאָטנס — אין מענטשן. נאָכן דאַווענען האָבן זיך די יידן שווייגנדיק, אָן אַ גוטע נאַכט, אַרויסגעשלייכט, אויס־

געטיילט זיך, איבערלאָזנדיק אונדזער פֿאַמיליע אויסגעשניטן פֿון אַלע איבריקע.

מיך האָט עס איצט נישט געאַרט. אין מיר איז אויפגעגאַנגען עפּעס, וואָס האָט געלויכטן, און נישט צוגעלאָזט קיין טרויער.

ה.

שטאָפּלען

טעג האָבן זיך ביי אונז געצויגן ליידיקע, פּונקט ווי מען ציט אַרויס גורל-צעטעלעך ווייסע, נישט-געווונענע. טעפּ, גלעזער זענען אַרומגעשטאַנען אין אַ וויסטקייט און געשריגן מיט די אָפענע פּיסקעס אין שטוב אַריין, ווי זיי וואָלטן עפּעס געמאָנט. שטאַרצן — אַרומגעוואַלגערט זיך איבריקע צווישן געפעס, און קרעדענסל — אברים אַוועקגעפאַלענע. די בלעכענע לעפל האָבן אַרויפבאַקומען אַ געלן זשאַווער, אַז מיר האָט זיך געגומען אויסדאַכטן, מען וועט שוין דאָ קיינמאָל נישט עסן קיין מאָלצייט.

די טיר, נאָכן אַרויספירן דעם טויטן, איז שטענדיק געשטאַנען אַ פאַרשלאָסענע. קיינער האָט זיך דאָ נישט באַגעגנט גאַנצע טעג.

די מאַמע פלעגט אין די פרימאָרגנס אָנטון דאָס שבתדיקע שייטל. זי האָט עס צוגעשמירט מיט אַ ביסל נאַפט אויף אַ גלאַנץ, פאַרצויגן אַ פּאָר האָר פון דער זייט אויף דער אַנדערער, אויף דעם ברייטן שרונט אַרויף, וווּ ס'האָט זיך שוין אַרויסגעזען די הויב. דאָס שווענצל פון צאָפּ, ביי וואָס עס האָט איר צוגעפעלט אַ האָר נאָדל צו פאַרלייגן עס אין קאָקס, האָט זיך יעדעס מאָל קאַפּויערגעהויבן, ווי ביי אַ בייז הינטל, ביז זי האָט עס

פּאַרצויגן אונטער אַ פּלעכטל אַרומער. דערנאָך האָט זי אָנגעטון דאָס פּלושענע זשאַקעטל, ווי צו ראש-חודש-בענטשן און געזאָגט אין שפּיגל אַריין:

— ס'איז קראַנטאַ, כ'קוק מיך נישט אָן...

זי האָט זיך געלאָזט צו איר „מישפּאַכטע", ווי זי האָט זיי אָנגערופן. ס'רוב פלעגט זי גיין צום געלן יאָסל, וואָס איז געווען אַ פּאָדריאַדטשיק אין קרימינאַל און מען האָט ביי אים געזעגענט צעזעצטערהייט.

זי פלעגט פאַרנאַכט אַהיימקערן מיט פאַרוויקלטע פּאַפּיר-לעך, וואָס זי האָט געהאַט פאַרשטעקט אין די אונטער-קליידער, אין טאַשן.

ביים אויספּאַקן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלץ האָט זיך געהאַט אויסגעמישט: שטיקער לעקעך האָבן זיך דורכגעפּעצט מיט געבראָטנס. אינדערמיט האָט זיך אַריינגעקלעפּט אַ געדעמפּטע שאַפּטאַל, ראָזשינקעס פון צימעס.

אויף אונזער הילצערנעם טיש פון ברויט מיט קאַרטאָפל, האָט דער אויסגעוויגטער, געפּילטער לעקעך, דאָס געברוינטע פלייש, מיך דערמאָנט אָן די ווייסע קלעצלעך צוקער אין די פאַר-סמאָרעטע טאָרבעס פון בעטלערס.

די מאַמע פלעגט דאָס ריין מאַכן, אָפּטיילן איינס פון אַנדערן און די גאַנצע צייט אַריינרעדן: „וואָס מיין בלוט ווערט מיר נעבעך געוואַשן. שטופּט אין מיר אַריין, דאָס געשוואָלענע שטיק, שרה-גיטל, און מיר גייט דער ביסן נישט אַראָפּ, — כ'ווייס, עץ זיצט אומגעגעסן. אַן אַנדערע, הונט-טייוול, גיב עפּעס מיט פאַר אַ קינד. מוז איך כאַפּן, מען זאָל נישט זען, פּאַק ווי כ'קען. אַ מערכה, וואָס די בענקאַרטעס שלאָגן זיך אַרום גאַנצע טעג און קוקן נישט צו מיר. אוי, רבונו-של-עולם, האָסט גאָרנישט קיין רחמנות אויף דיינע אָרעמעלייט!".

די קינדער האָבן געפּילט אָן איבל צו די מאכלים. די פּעטע זיסקייטן, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסגעמישט, האָבן ביי אונזער פּאָסנעקייט געשלאָגן צום האַרצן.

מיר איז זייער ריח פרעמד געווען. איך בין געוווינט געווען נאָך אויף די פעלדער צו זען די קאַרטאָפל, קרויט, תבואות — און דאָס עסט מען. אָבער געפילעכץ פון לעקעך? שאָפּטאַלן?

דער טאַטע פלעגט זיך טונקל אַריינוויקלען אין שטוב אין אָוונט און פאַרטאָג אַרויס אין זיינע שוואַרצע, צייטיק-צעהוידערטע מלבושים, ווי ער וואָלט מיט זיי געשפּינט די נאַכט ביי אונז.

די מאַמע האָט אים שוין נישט געפרעגט וועגן קיין פאַר-דינסט. ער איז אַריין מיט זיין פאַרנעמלאַכן געשטעל, דעם שאַרפן בליק, דער טאָן — אַ קלינגענדיקער. האָט אים דאָס פאַרפּעצטע טוכענע היטל אויפן קאָפּ, דער קנויל מלבושים, ענלעך געמאַכט צו איינעם, וואָס פאַרשטעלט זיך און וויל אָפּ-חוזקן פון דער אַרומגעריסנקייט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט די מאַמע זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שטעכעניש אין די זייטן. דעם טאַטנס בעט איז געווען ליידיק, ער איז שוין געהאַט אַוועק. די מאַמע האָט זיך אויפגע-זעצט אין בעט און גענומען טענהן מיט אונז: „וואָס עט מען היינט טוען, קינדער, כ'קען נישט אַרויסגיין עפּעס ברענגען. אַ שטעכעניש מיך אַרומגענומען".

זענען מיר געבליבן ליגן אין די בעטן.

די מאַמע שאַרצט זיך אויף ס'העמד, טאַפּט אַרום די ביינער פון רוקן, וואָס ליגן ביי איר שטאַרצנדיק, ווי אין אַ זעקל.

זי פרעגט זיך אַליין אויפן קול נאָך יעדן באַריר: „פון וואַנעט האָט זיך מיר דאָס גענומען? פון וואַנען?" און פרוווט זיך אויפהויבן אין בעט און זעצט זיך גלייך אַראָפּ: „ניין,

קינדער, כ׳קען נישט; כ׳האָב געמיינט מיך אַרויסצוכאַפּן פאַר ענקערצוועגן״.

ליגן מיר.

אַ פייגעלע האָט פלוצלונג אַרויפגעהאָפּסלט אויפן לייסטל פון פענסטער און מיטן שנעבעלע אַריינגעקלאַפּט אין דער שויב: צווי-צווי-צווי.

די קינדער האָבן זיך שטאַרק דערפרייט: אַ פייגעלע, אַ פייגעלע!

די מאַמע האָט פרום געזאָגט: „אפשר אַ גוטע בשורה געקומען אָנזאָגן. ס׳וואָלט שוין די העכסטע צייט געווען״.

ס׳האָט אַ פּאָר מאָל אַריינגעצוויטשערט און אַוועקגעפלויגן, אָבער אין שטוב צעפלאַטערט אַ צוזאָג.

גלייך נאָכדעם האָט זיך ביי אונז געעפנט די טיר און ס׳האָט ווער אַריינגעשטופּט אַ קויבער מיט געבעקס: קייזערקעס, פלעצלעך, ראָגאַלקעס — אַ פולער קויבער אָן דער בין און מען האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר. מיר זענען אויסער זיך געבליבן, מורא געקריגן, וואָס מיט אונז קען דאָ געשען. און די מאַמע האָט אָנגעהויבן צו שרייען פון בעט אַרויס: „ווער איז דאָס, ווער איז דאָס דאָרט?״.

מען האָט געהערט גראַבלען ביי דער קלאַמקע און די הערצער זענען ביי אונז שיער אַרויסגעשפרונגען. די טיר האָט זיך געעפנט און ביילע די אַלמנה, אַ יידענע, וואָס טראָגט אַרום געבעקס, האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין שפּאַלט פון דער עפנונג און האָט געזאָגט צו דער מאַמען: „כ׳בעט איהן, רחלע קרוין, כ׳דאַרף אַרונטער אויפן הויף, האָב איך דאָ אַריינגעשטעלט דאָס געבעקס״.

ווי נאָר די יידענע האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט די מאַמע פאַרביסן די ליפּן, אונטערגעהויבן זיך און אָנגעהויבן אַראָפּ פון בעט. דערביי האָט זי געזאָגט אויפן קול, ווי זי וואָלט צו

ווערן גערעדט: „כ׳ווייס, ס׳איז אַ נסיון, מען פּרוּווט מיך אויס פון הימל, גראָד צו מיר אַריינגעשטעלט דעם קויבער". זי האָט אין לאַנגן העמד, באָרוועס, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, געשטאָלפּערט אויף די שפּיצן סטאָפּעס צום קויבער צו און האָט געקוקט אַרויף: „זאָל מען מיך ברענען, יאַך בין אַ מאַמע, יאַך קען נישט צוזען". און זי האָט אַרויסגעכאַפּט עטלעכע שטיקלעך געבעקס און איז מיט זיי צוריק אונטערן בעטגעוואַנט אַרונטער.

זי איז געזעסן ווייס, ווי קרייד און האָט אָפּגעוואַרט די יידענע. ביילע האָט טאַקע באַלד געעפנט די טיר, בלויז דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט און גענומען דעם קויבער.

די מאַמע האָט אַפּירגענומען די פּאָר שטיקלעך געבעקס פון אונטערן בעטגעוואַנט און זיי איינגעטיילט: „נעמט ענק, קינדער, יאַך וויל קיין הנאה נישט האָבן פון דעם. כ׳ווייס, כ׳וועל „ספּאָוויאַדען", אָבער פאַרוואָס האָט מיר דער אויבערשטער געגעבן אַ האַרץ?" — האָט זי זיך געקלאַפּט דערין מיט דער האַנט. זי האָט זיך צעשלוכצט און איז אַראָפּגעפאַלן אויפן קישן.

מיר האָט זיך די גאַנצע צייט פאָרגעשטעלט, אַז גאָט איז דאָ ביי אונז אין שטוב. איך האָב אים נאָך קיינמאָל אַזוי בולט נישט געזען. דער מאַמעס אָפענע שמועסן מיט אים, די גאַנצע געשעעניש, האָבן מיר באַשיינפּערלעך געוויזן, ווי ער רעגירט מיט דער וועלט. דאָס פלעצל, וואָס איך האָב געקריגן, האָט מיר אויסגעוויזן, גאָרנישט קיין פשוט געבעקס. מען וועט אַמאָל איבער דעם אַ גרויס משפט פאַרלייגן אין הימל. נאָר דער הונגער האָט אַלץ גובר געווען און איך האָב עס געקייעט, ווי פראָסט ברויט.

די מאַמע איז געבליבן אַ גאַנצן טאָג אין בעט.

אַ שכנטע האָט איר אַריינגעבראַכט אַ הייס שטאַרצל

צוצולייגן צום „קושיזש" און אַ טעפּל אָנגעצוקערטע טיי. די שכנטע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט די מאַמע צו אונז געזאָגט: „ס'איז היינט דאָנערשטיק, שוין האַלבער טאָג, וועל איך שוין צופּאַסטן. נעמט ענק די טיי".

דער טאָג האָט זיך לאַנג געצויגן און ביים אַוועקגיין האָט ער ערשט, ווי אַ געשחטענער קאַלב, רויטס צעשפּריצט אַרום: אויף די שויבן, אויף דער קעגנאיבערדיקער ציגל־מויער.

דער אָוונט איז אָנגעקומען. אין שטוב האָט מען אים אויף דער וואַנט קעגנגעשטעלט אַ קליין בלינצל אין לעמפּל און ער האָט אונז דאָך נישט געקענט פאַרשלונגען. געוואָרגן זיך מיט גראָבע שאָטנס, וואָס ער האָט אַרויסגעבלעזלט און נאָכגעשפּעט, פאַרקרומט זיך ביי יעדער תנועה אונזערער.

די מאַמע און די קינדער זענען געזעסן אויפגעזעצט אין די בעטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אויסקוקן דעם טאַטן.

די גאַנצע שטוב איז געוואָרן לויטער אויער. מיר כאַפּן אויף יעדע קלענסטע באַוועגונג פון הינטערן פענסטער, פון קאָרידאָר. אָבער דעם טאַטנס האַרטע טריט הערן מיר אַלץ נישט.

די מאַמע וויל דורכאויס וויסן, ווי שפּעט עס איז און הייסט אונז זיין שטיל, וועט זי דערהערן דורך דער וואַנט, ווען דער זייגער וועט קלינגען ביי דער שכנטע.

מיר האַלטן איין די אָטעמס, פאַרשפּיצן נאָכמער די אויערן, איצט שוין צו דער וואַנט. איך דערוואַרט שוין נישט איצט אַזוי דעם טאַטן, ווי דעם קלאַנג פון זייגער. ענדלעך הייבט זיך דער זייגער אָן קרעקן און ער קלינגט אויס: איינס. די מאַמע זאָגט: „ר'האָט געקלונגען האַלב, מען מוז נאָך אונטער־וואַרטן". איצט, ווי אויף אַ זיכערע זאַך, הייבן מיר אָן וואַרטן אויפן נייעם קלאַנג. אינדערמיט רייסט זיך אַריין אַ געמיאַוקעריי

פון קעץ הינטערן פענסטער. איך ווער שוין איצט אין צווייפל צי מען וועט קענען גענוי נאָכצייל̄ן די קלאַנגען, ס'קען זיך פונקט אַריינרייסן אַ געשריי, אַ ליאַרעם. ביי דעם געדאַנק האָט די שטילקייט אַליין אָנגעהויבן קלינגען פאַר מיינע אויערן, געברענגט מיר עפּעס קולות, וואָס איך האָב זיי ווען געהערט ביי מחלוקתן, אויף ירידן. איך ווער פול אַרום מיט געשרייען. און די געשרייען ברענגען מיר אַרויס געשטאַלטן: פּויערן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין אַ חגא-טאָג אויפן נייעם מאַרק; דאָס פּאָרפאָלק, וואָס איז אַרומגעפאָרן מיט אַ וועגעלע פאַרקויפן ערדענע טעפּ און זיי האָבן זיך געוואָרפן אויפן הויף די טעפּ אין קאָפּ אַריין. איך וויל די בילדער פאַרטרייבן פון מיר און מיך צוהערן. און ווי אויף להכעיס, שטעלן זיי זיך, די בילדער, פאַר מיר העל און ציען אַריין וואָס אַמאָל מער געשטאַלטן.

דער זייגער הייבט זיך אָן ווייטער קריעקן און ער שניידט אָלץ איבער מיט זיין קלאַנג: איינס, צוויי, — אַזוי ביז צען.

מיר האָבן אָפּגעטעמט, ווי מען וואָלט אַראָפּגעקייקלט פון זיך אַ שווערע משא.

די מאַמע זאָגט: „קינדער, גאָט, דער לעבעדיקער, ווייסט, וואָס ס'איז מיטן טאַטן. צען דער זייגער, — ס'איז גאָרנישט זיין טבע".

איצט האָב איך דעם זייגער מער נישט געוואָלט הערן. וואָס שפּעטער די שעה איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער מיך געשראָקן.

די מאַמע איז געזעסן און האָט נאָר בלויז געוואָרפן מיטן קאָפּ און געביסן די אונטערשטע ליפּ, זי זאָל נישט אַרויס מיט אַ געוויין אויפן קול. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט דער-ווייל פאַרהערן די שעה, אפשר טריט. אַז מיין שוועסטערל, ריי̄זל, וואָס איז געלעגן מיט איר אין בעט, האָט אַרויסגעבוכניעט

אַ געוויין: טאַאַ—טעעע!!!", האָט די מאַמע איר פאַרהאַלטן מיט דער האַנט דאָס מויל: „זיי שטיל, כ'וועל שוין גאָרנישט וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט מיר". די מאַמע האָט נאָר מער געביסן די ליפּ און שטילע טרערן זענען ביי איר גערונען.

און דער זייגער האָט איצט לההכעיסדיק געקלונגען: האַלב און עלף, האַלב און צוועלף.

נאָך דעם צוועלפטן קלאַנג, האָט די מאַמע אָנגעהויבן וואַרפן מיט די פיס אין בעטגעוואַנט: „ווו גייט מען?! געוואַלד, קינדער, איין גאָט ווייס, צי ס'האָט שוין אַ טאַטן!" די קינדער האָבן אַלע אויף אַ מאָל אָנגעהויבן וויינען.

און מיר קלאָגן אין דער פינסטערניש אַריין, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט הינטערן פענסטער, ווי זי וואָלט געוועזן אָפּגעמעקט די וועלט.

אומדערוואַרט דערהערן זיך טריט אין פאָדערהויז, זיי גייען, גייען. מיר בלייבן שטיל. דעם טאַטנס?... יאָ, יאָ, אָט הערט מען, ווי מען רירט אָן די קלאַמקע. מיר זיצן מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן און — עס גיט זיך אַ וואַקל אַריין דער טאַטע.

די מאַמע האָט זיך ערשט איצט צעשריגן מיט אַ געוויין: „מערדערער, ווו האָסטו מיך איבערגעלאָזט?!"

דער טאַטע שטייט קוים, וואַקלט זיך עפּעס און טוישט יעדעס מאָל די טריט, נישט קענענדיק איינשטיין. ער האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און שמייכלט אין זיך אַריין, אַז ער האָט מיך אָנגעהויבן שרעקן.

ער קלינגט צו דער מאַמען מיט אַ טאַש געלט:

— רחלע, כ'האָב דאָך מיט זיין ליבן נאָמענס הילף פאַרדינט. רח'ע, — קלינגט ער צו איר מיט געלט, וואַקלענדיק זיך שיכור, — כ'האָב מיך געמוזט זוימען.

און די מאַמע וואַרפט מיטן קאָפּ און קוקט גאָרנישט:

— ניין, לייב, כ'וועל דאָס נישט אויסהאַלטן, נישט אויסהאַלטן.

דער טאַטע שאַרט זיך צו צום טיש ...ון גיט אַ לייג אַרויס פון טאַש אַ הויפן מטבעות:

— נעמין, נעמין, — האָט ער עטלעכע מאָל צוגעשיט פון דער טאַש אַרויס גאָלד-שטיקלעך און רובלס אויף דעם בלאַנ-קענדיקן קופּקעלע אַרויף — ס'דאַרפן זיין דריי הונדערט רובל, ציילט איבער, כ'האָב נישט פאַרלוירן? מען האָט מיך אָנגעשיכורט, דער קאָפּ דרייט זיך, מען האָט געמאַכט אַ פּונדע — און שמייכלט נאָר אין זיך אַריין.

די מאַמע האָט אַהינגעקוקט און האָט ווייטער געוויינט, נאָר די טרערן האָבן אָנגעהויבן בלישטשען אין אירע אויגן:

— נישט אַנדערש, לייב, נאָר מיין שטיל געבעט. כ'האָב דאָך נאָך היינט קאַ לעפל וואַרעם וואַסער נישט געהאַט אין מויל, דער אויבערשטער האָט שוין נישט געקענט צוזען דעם צער. ווי אַזוי איז דאָס געשען, לייב?

— איי, איי, — רייבט דער טאַטע מיט דער האַנט דעם שטערן, דער אָקעוויט שלאָגט אין קאָפּ אַריין—און דער שמייכל אין זיך אַריין האָט צוריק אַרויסגעקוואָלן דורך די קנייטשן אויפן פּנים, דורך דער שטרענגער באָרד — הערסטו, רחלע, קום אינדערפרי קיין קעלץ, טרעפט מיך האַליק רעיענט, ר'האָט 20.000 רובל צו „אולאָקעווען". כ'גיי נאָר אַוועק פון אים, שיקט מיר דער אויבערשטער צו אַ פּריץ, דעם אַלטן דאָמבראָווסקי, וואָס דאַרף פּונקט געלט, דער הולטיי. „פּאַניע סטאַראָזקאָנני, כ'על דיך גוט באַלוינען, האָסט אפשר אַ צוואַנציק, דרייסיק טויזנט רובל אויף מיין גוט?" — כ'האָב! „ווער?" — האַליק רעיענט. „גוט!" — גיט ער מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע — „ער

קען דאָך מיין מאַיאָנטעק". וואָס זאָל איך דיר זאָגן, רחלע, צווישן מנחה-מעריב האָט מען שוין געשריבן דעם אַקט. ס'זאָל מיר נישט פאַררעכנט ווערן, האָב איך נעבעך געמוזט דאַווענען מנחה אין היפּאָטעק.

— האָסט נישט געקענט גלייך אַהיימקומען פון קעלץ? הוריות זענען דאָך מיר דורכן קאָפּ אַדורך.

— זיי האָבן דען מיך אָוועקגעלאָזט, די זולל-וסובאניקעס? זיי ווען מיר נישט באַצאָלן קיין מעקל-געלט, אויב כ'וועל נישט גיין מיט זיי טרינקען. כ'האָב עפּעס דעם רעיענט געגעבן אַן אויפּטו ביים שרייבן דעם אַקט, ס'איז געווען אַ מעשה מיט יורשים, האָבן זיך די גויים די „זשיטשע" גענומען, זיי מוזן דעם „מאָנדרי זשיד" אָנשיכורן. צוליב מיר זענען זיי אויך שוין אַריין אין אַ יידישער שענק, צו זעליק קאַצאַפּ און האָבן פאַרהולטאַיעט איבער הונדערט רובל. זיי האָבן מיר מיטגעגעבן אַ פּעקעלע פאַר די קינדער. ווו האָב איך ערגעץ דאָס פּעקעלע? כ'האָב גאָר געהאַט פאַרגעסן.—ער האָט זיך גענומען דרייען אין אַ רעדל אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט אויסגעפירט אַזאַ טאַנץ. די קינדער האָבן זיך צעלאַכט, ער — אויך. געדרייט זיך, געדרייט אַרום זיך און דאָס פּעקעלע געפונען צוגעבונדן צו אַ קנאָפּ פון אַן אונטערשטער יופּעצע.

די מאַמע איז אַראָפּ פון בעט צום טיש צו. זי האָט אין טונקלקייט פון שטוב זיך אַהינגעווייסלט אין העמד, מיטן קאָפּ אין דער ווייסער שלאָף-קופּקע זיך געצויגן פאָרויס, ווי אַ שוואַן אין וואַסער, אַרויפגעדרייט דאָס לעמפל און גענומען ציילן דאָס געלט. זי האָט גלייכגעשטעלט אין שטייסלעך די גרויסע רובל-דיקע קעפּ; די גאָלד-שטיקלעך אויסגעלייגט אין אַ שערענגע, אָנגעשפּאַ ט מיט די באַקרוינטע קעפּלעך איינס אָן ס'אַנדערע,

אַז מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי מלאָכים זאָלן זיך אונטער־
וועגס צולעגן. ביים ציילן די גאָלד־רענדלעך, איז דער מאַמעס
בלייכקייט, די דינע, קאַנטיקע נאָז, דאָס שמאָלינקע מויל, איידל
אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן. ערשט איצט האָב איך זי דערזען
אַלס ר׳ נחום אייבעשיצס טאָכטער, וואָס אין דער היים ביי זיי
האָט מען געגעסן אין זילבערן געשיר, און די מוטער אירע,
די באָבע באַשע, האָט טאַקע געטראָגן צו דער חתונה אַ סטענדל
מיט גאָלדענע קנעפּעלעך, ווי פיין ס׳האָט זיך אויסגעציילט פון
אירע ווייסע הענט דאָס גאָלד!

דאָס באָרוועסע שטיין אויף דער פּאָדלאָגע, דער איינגע־
בויגענער רוקן אירער, האָבן מיך אָבער דערמאָנט איר שטענדיק
דערציילן אונז, קינדער, אַז זי איז יונגערהייט פאַריתומט גע־
וואָרן, אָן אַ מאַמען, געמוזט זיך אַרומבלאָנקען ביי דער רייכער
משפחה און זיי האָבן זי דאָס חתונה געמאַכט מיטן טאַטן, וואָס
איז שוין געווען אַן אַלמן. און כאָטש זי זאָל זיך שוין עלטערן
מיט אים ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָט מען זי געדאָרפן
מינטערן, ווען זי האָט אים אויף די תנאים ס׳ערשטע מאָל
דערזען, מיט שטופּלען אויף דער נאָז, מיט אַ גרויסער באָרד־
ער האָט שאַרף אויף איר געגעבן אַ קוק, ווי זיין שטייגער איז,
אַז ס׳האָט ביי איר אָפּגענומען הענט און פיס. און די מחותנים —
ווער ס׳האָט נישט געזען, די פויערן פון דאָרף, וואָס זענען
געקומען אין הויכע שטיוואַלעס, מיט ק׳טשמעס אויף די קעפּ, —
אַז זי האָט שפּעטער נאַס געמאַכט די קישנס.

יעדעס מאָל, וואָס זי דערציילט אונז, וואָס זי איז אויס־
געשטאַנען נאָך דער חתונה ביי שווער און שוויגער אין
דאָרף, ווי זי האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו זייערע
חלבנע עסנס און מען האָט זי אַרומגעיאָגט: „שטאָטישע פּאַנ־
פּעראָנקע!“, גיט זי צו, אַז דער טאַטע איז שוין גאָר אַן

אַנדערער, ווי די בּרידער זייַנע, די כלאָפּעס. ער איז געזעסן בּחורווייַז און געלערנט אין כּענטשין בּייַם רבּין אין הויף אינאיינעם מיטן רבּינס קינדער. און דער שווער, ס'זאָל אים קיין גנאי נישט זייַן, וואָס איז געווען אַ פרומער פּויער, פלעגט דערפאַר צושטעלן אין רבּינס הויף אַרייַן פורן האָלץ, אַ קעלבּל אויף יום־טוב, פיש אויף שבּת. און תּורה איידלט אויס — פלעגט זי שטענדיק פאַרענדיקן מיט אַ טרייסט.

די מאַמע האָט איצט אייַנגעוויקלט דאָס געלט אין אַ טיכעלע און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ: „מען האָט אַ טאַזן אין הימל, מען האָט!" דערנאָך האָט זי אויפגעבּונדן דאָס פּעקלעל און אַרויסגענומען געבּראָטן גענזנס, מאַרנירטע אוגערקעלעך.

די מאַמע האָט עס אָנגעשמעקט האַרט בּייַ דער נאָז: „פרישינקע, וואָס טוט מען, ס'איז דאָך הייַנט הייַנע אַ תּענית. כ'וואָלט אַרייַנגעקלאַפּט צו דער שכנטע נאָך אַ שטיקל בּרויט. ווי מייַנסטו, לייבּ? די קינדער האָבּן דאָך נעבּעך אָפּגעפּינסטערט אַ טאָג.

די קינדער, דערהערנדיק דאָס, האָבּן אַרויסגעשטעקט די קעפּלעך פון אונטערן בּעטגעוואַנט, ווי טרינקענדיקע, וואָס כאַפּן זיך קאַפּויער.

דער טאַטע איז געזעסן פאַרדרימלט אויפן בּענקל און האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געהערט, וואָס מען דאָט אים געפרעגט. די מאַמע איז צו צו דער וואַנט און האָט געלאָזן אַרייַנגעקלאַפּט: — „פראַדל, פראַדל־לעבּ!" — און האָט געוואַרט. די וואַנט איז געבּליבּן שטום. קלערנדיק מיט דער האַנט אין דער לופט, צי זי זאָל נאָכאַמאָל געבּן אַ קלאַפּ און — — — די וואַנט האָט זיך אָנגערופן: ס'האָט זיך געהערט פון איר אַדויס הויל: „שוין", „שוין". איידער וואָס האָבּן זיך געהערט טריט איבּערן קאָרידאָר און ס'איז אַרייַן אונזער שכנטע אין אַ רויטער שלאָף־קופּקע אויף די פּאַסמעס שוואַרצע האָר און מיט אַ טיכל

אַרומגענומען עפּעס אויף דער האַנט. זי האָט גלייך אויף דער שוועל אָנגעהויבן:

— מען זאָל אַזוי טיילן אויף שמחות, ווי כ׳האָב געהאַט אָנגעגרייט עפּעס אַריינצוברענגען. ס׳איז דאָך בײַ אונז אויך אַ וואַך-נאַכט. ס׳האָט אונז איבערגעוועקט מיט די געוויינען, האָט מען שוין געהערט, ווי איהנס אַלטער איז געקומען און אַז דער איבערשטער האָט ענק געהאָלפֿן. ס׳ווערט נישט פֿריער ליכטיק, ביז ס׳ווערט גוט פֿינסטער, הע, שכנטע? געמען זי ברויט און טיי און צוקער און אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, וועלן זי מיר אין דער פֿרי צוריקגעבן.

— בלי-נדר, מע וועט נאָר אויפֿמאַכן די אויגן, מיט שיינעם דאַנק. גייען זי מיר געזונטערהייט, זי האָבן זיך געקויפֿט עולם-הבא.

די מאַמע האָט געמאַכט פֿייער, די קינדער זענען אַראָפּ פֿון די בעטן זיך וואַשן, אויסשווענקען די מיילער. מען האָט געכאַפּט עפּעס אויף זיך, וואָס מען האָט געקענט, און די מאַמע האָט אונז אויפֿגעגעבן אויף טעלערס פֿלייש מיט אוגערקעלעך און ברויט וויפֿל מען האָט געוואָלט. די מאַמע האָט פֿרום געשאָקלט מיטן קאָפּ אין איר טעלער אַריין, ווי אין אַ סידור.

דער טאַטע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זיין גאַנץ פּנים האָט געקוואָלן:

— איי, געכאַפּט אַ דרימל, איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן. רחלע, עסט אויפֿעסן, עסטו מיר גלייך מאַכן ס׳בעט, כ׳על זיך לייגן. פֿון וואַנען האָט עץ גענומען ברויט?

— אליהו-הנביא האָט מיר אַריינגעברענגט — האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

דער טאַטע האָט זיך גענומען דרייען איבער דער שטוב און לייענען קריאת-שמע. ער האָט מיט אַ לייכטנדיק פּנים זיך

אַרומגערינגלט מיט די מלאכים: „מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל, מלפני אוריאל ומאחורי רפאל — האָט ער יעדן מלאך אויסגערופן אייף אַ קול. מיר איז פאָרגעקומען, אַז דאָס זענען גאָרנישט די אייגענע מלאכים פון אַלע נאַכט, ווען דער טאַטע פלעגט זיי מיט באַטריבטקייט אַרויסשעפּטשען פון יוצא ווערן.

זיי זענען איצט געוואָרן ביי מיר די גוטע מלאכים, וואָס האָ ן געהאָלפן, דער טאַטע זאָל פאַרדינען געלט, די שכנטע זאָל גלייך אַריינברענגען ברויט און עס זאָל עפּעס אַלץ אָנהויבן גוט ווערן צו אונז. נישט אַנדערש, נאָר זיי שפּרייזן טאַקע אין אונזער שטוב.

פאַרן שלאָפן גיין האָב איך אויך אָנגערופן מיט ליבשאַפט יעדן מלאךביים נאָמען. זאַטע, איינגענומענע, מיט אַ נייעם אויסזיכט צום לעבן, האָט זיך אויף אונזער שטוב אַראָפּגעלאָזט אַ געשמאַקער שלאָף.

אינדערפרי איז שווער געווען צו דערקענען די מאַמען. אַז איך האָב געעפנט די אויגן, איז זי שוין געשטאַנען ביים לאָקשנברעט און האָט געקנעטן. אויפן טיש אַרום זענען געשטאַנען טיטן מיט מעל, צוקער, ראָזשינקעלעך, אייער — זיך אַרומגעקאָלערט. אויף דער ערד האָט אין אַ שיסל וואַסער אַרומגעפלעסקעט אַ לעבעדיק פישל.

אַ הינדל איז געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ פוס פון אַ בעט און האָט געטרונקען וואַסער פון אַ טעלערל.

אין שטוב — אַ מעליקע מילדקייט, וואָס האָט געלויכטן קעגן פענסטער פון טיש אַראָפּ, פון ערטער פאַרשאָטענע אויף דער פאָדלאָגע.

די מאַמע — פאַרפאָרעט, האָט גצהאַט די אַרבל פאַרשאַרצט, דעם קאָפּ אַרומגענומען מיט אַ ווייסער ראָגאָווקע, וואָס

די עקן פון דער שלייף זענען פון פּאָרנט אַוועקגעשטאַנען, ווי צוויי וואָנסעס. זי איז געשטאַנען גלייך, ווי דער רוקן וואָלט איר קיינמאָל נישט ווי געטון. מיט אַ וועלגער־האָלץ אין האַנט, ווי אַ זעלנער מיט אַ שפּיז, האָט זי געפּיקט לעכעלעך אין מצות און האָט געגעבן באַפעלן מיין שוועסטערל: „רייזל, גיב נאָר אַ גיי־צו צום בעקער, ווי עס האַלט מיטן אויוון". און דאָס קינד, ליבלעך פאַרמעלט פון אַ קיכעלע, וואָס עס האָט זיך געקנעטן, איז גערן נאָכגעקומען אירע באַפעלן און איז גלייך געלאָפן.

דערנאָך האָט זי געזאָגט צו אונז, יינגלעך: „קינדער, הייבט אייך אויף, ס'איז פרייטיק, וועט איר מיט עפּעס באַהילפיק זיין". מ'ר האָבן זיך נישט געקווענקלט, ווי שטענדיק. גלייך נאָך אירע רייד, זענען מיר אַרויס פון די בעטן. כדי עס זאָל שנעלער צוגיין, האָב איך מיך געוועט מיט מיין יונגערן ברודער, האַרשל, ווער ס'וועט זיך פריער אָנטון.

לאַנג האָבן מיר זיך נישט געדאָרפן פאַרנעמען. אַ צי אַרויף די הייזלעך, די טלית־קטנדלעך — און מיר שטייען שוין גרייט. און די מאַמע שיבט ווייטער אַפער אירע ווערטער אויסגעדרייט צום ברעט: „האַרשל, גיב מיר נאָר אַ גיי אַריין נאָך דער שכנטע, כ'האָב זי געלאָזט בעטן, זי זאָל מיר אַריינקומען מאַכן ס'פישל. און דו, שלמה, נעם דעם טשייניק און וועסט געבן אַ לויף צום סטאָקל נאָך וויך וואַסער אויף טיי, כ'וויל פאַרבריען פרישן סענץ".

אַז די שכנטע איז אַריינגעקומען, האָט די מאַמע צו איר געזאָגט:

— לאַכטיקע, כ'בין נישט ווערט מיט איהן צו שאַפן. אַזאַ מיאוסע נאַטור ביי מיר, ס'איז דאָך לכבוד שבת און איך קען נישט צוזען, ווי ס'פישל צאַפּל זיך ביים מאַכן. מיין מאַמע, אין

גן-עדן רוט זי — האָט זי ווייטער געזאָגט — פֿלעגט אַכטונג געבן, די דינסטן זאָלן נישט גוט איינציִען די פּיס בײַ אַן עוף צום שחטן. שוין אַזאַ נאַטור בײַ אונז.

די שכנטע האָט, נאָכן אָנשאָבן די שופּן, גענומען מיטן שטויסל פֿון מערזשער אַרײַנהאַקן דאָס מעסער אין קעפּל פֿון פֿיש און האָט אַהינגערעדט צו דער מאַמען: „יאָך ווייס נישט, אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי געשטעלט די וועלט, אַרט עס מיך נישט".

איך בין געגאַנגען צום סטאָקל נאָך וואַסער. שטענדיק האָב איך ליב געהאַט צו גיין הינטערן פּלויט פֿון סאָד, אויפֿן וועג, וואָס האָט געפֿירט נאָך קעלץ און פֿון דאָרט — אין דער גאַנצער וועלט אַרײַן. אַ שטיקל אויף דעם ווייסן וועג, האָט זיך געפֿונען דאָס סטאָקל, וואָס אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג האָט עס געמאַכט: בול, בול, בול — אַרויסגעבלושניעט וואַסער, ווי פֿון אַ פֿול מויל אַרויס. די שטיינער דאָ, נעבן דעם שטויביקן וועג, זענען געווען נע-ציק קיל און באַשפּראָצט מיט אַ גרינעם מאָך, אַז מיר האָט אויס-געדאַכט, זיי פֿאַרדעקן אַן אונטערערדישן טאָל. אָפֿט פֿלעג איך דאָ טרעפֿן דזשאַדעס מיט די שטיוול אָנגעהאָנגען אויף די פּלייצעס. אַ סך פֿון זיי, מיט לאַנגע קעפּ האָר און בערד, ווי די „אָווצאַזשעס", האָבן זיי זיך דאָ געוואַשן די פּיס, אויסגע-שוואָנקען די אויגן, אָנגעטרינקען זיך און ווייטער געגאַנגען זייער וועג. דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן ווי אין חומש, בײַ די אָבות, וואָס האָבן געצויגן פֿון איין אָרט צום אַנדערן און גערוט בײַ אַ ברונעם.

אויך מיר פֿלעגט זיך וועלן פֿון דאָרט אויס ערגעץ אַוועק-וואַנדערן. אויפֿן וועג זאָל אין מיך אויך אָפּרוען בײַ אַ וואַסער און ווייטער גיין, גיין, ביז איך וועל אָנטרעפֿן אַ פּאַסטוך אין פֿעלד. דאָס וועט זײַן אַ פֿאַרשטעלטער אליהו הנביא. ער

וועט צו מיר זאָגן: „גיי דאָרט און דאָרט און אַז דו וועסט צוקומען צו אַ גרויס טויער, זאָלסטו זאָגן דעם שפּרוך, וואָס איך גיב דיר איבער". דאָס טויער וועט זיך געבן אַן עפן אויף און איך וועל אַרייַן אין פּאַלאַצן; אַלע שופלאָדן וועלן זיין פול מיט רענדלעך, פּערל און טייערע איידלשטיינער, ווי אין דער מעשה מיט דעם פרומען קוילן-ברענער, וואָס האָט געוווינט אין אַ הייל אין וואַלד און האָט יענעם פּאַסטוך געטראָפן. איצט, גייענדיק מיטן טשייניק, בין איך נישט געוואָרן געצויגן פון הוילע טראַכ-טענישן, ווי שטענדיק. איך בין געווען אויסגעפּולט מיט געדאַנ-קען וועגן שטיוועלעך, וואָס מען דאַרף מיר קויפן, וועגן נייעם חדר, אין וועלכן איך וועל דאַרפן אָנהייבן גיין.

אין דער היים האָט זיך דערווייל די שטוב צעגליט. די מאַמע איז געשטאַנען אַ צעפלאַמטע ביי דער קיך און האָט קאָ-מאַנדירט מיט די טעפּ, ווי אַן עלטסטער מיט זיין מיליטער. די דיניצע האָט זי געשיקט אויפן ערשטן פייער, דעם גרויסן טאָפּ מיט די צוויי אויערן — איבערגעשטעלט אין די אונטערשטע פייערקעס און די קלענערע — אַראָפּגערוקט פון דער רויטער בלעך. דער פלאָם האָט געזעצט און אַ פּאַרע, געמישט מיט ריחות, האָט געשלאָגן אויף דער שטוב אַרויף.

דאָס שוועסטערל האָט געבראַנגט פון בעקער קאָכעדיקע חלות און קיכלעך, וואָס מען האָט זיי געמוזט וואַרפן אין די הענט ביים אַרויסנעמען פון די פּאַרעמקעס, און זיי האָבן אַרייַנ-געלאָזן אין די פייכטע גערוכן פון שטוב — אַן אויסגעבאַקענעם, פרישן געבעקס-ריח.

דער טאַטע איז אַהיימגעקומען פון דער שוויץ אַ צעפּאַ-רעוועטער, די מאַטע אויגן ווי אונטערגעהייצט, דאָס פּנים מיט דער באָרד — אויפגעפרישט.

ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען, קעמענדיק זיך די באָרד און פּיאות:

— רחלע, כ'על שוין היינט נישט גיין מעקלען, מ'עט מאַכן שבת.

— וואָס פעלט דיר אײן, אַז דער אויבערשטער וויל העלפן, פעלט אים צייט? — האָט זי געזאָגט און דערלאַנגט אים אַ טעלערל מייערן־צימעס.

ער האָט אויסגעטאָן דאָס וואָכעדיקע כאַלאַטל און אין לאַנגן טלית־קטן מיטן קאַפּל אויבן קאָפּ, האָט ער זיך גענומען אָנשאַרפן דאָס מוציא־מעסער.

ער האָט עס יעדעס מאָל געפּרוווט אויפן נאָגל און ווייטער געשאַרפט, ווי ער זאָל זיך גרייטן צו ברענגען אַ קרבן.

דערנאָך האָט ער זיך גענומען אָנצינדן דאָס אַכטער לעמפּל מיט דער גאַנצער פאָרזיכט פון זיין נישט געראָטנקייט אין די זאַכן, און מיט אַ מורא, אַז דער שטן זאָל אים ערב־שבת נישט אונטעררוקן עפּעס אַ שטרויכלונג. ער האָט פאַמעלעכיטשקע אָנגעגאָסן אַ באַניעלע נאַפט, פול איבער דער בין, אַריינגעהויכט אין גלעזל, און מיט דער רויטער פאַטשיילע פאַוואָליע, ווי עס זאָל זיין פון אייער־שאָל, עס אויסגעפּוצט. דערביי האָט ער עס געלאַסן אַוועקגעלייגט, אַז די אָדערן זענען ביי אים אַזש אַרויסגעטרעטן ביי די שלייפן. דאָס קנייטל האָט ער עטלעכע מאָל צוגעשוירן און אויסגעפּרוווט, און מיט ציטערדיקע טריט אַהינגעטראָגן דאָס לעמפּל צו דער וואַנט מיט אַ קליין בלינצעלע ליכט, גרייט צו דער מינוט עס צו געבן אַ דריי־אויף לכבוד שבת.

אויסגעשמירט די שטיוול מיט טראָן, וואָס די מאַמע האָט שוין פאַר אים געהאַט פאַרגעברייט, דאָס פערציקסטל „מאָנאָ־פּאָלקעלע" — אויפגעפּראָפּט.

יוען אַלץ איז שוין געשטאַנען גרייט, האָט ער זיך גע־וואַשן די הענט, אַפּירגעמאַכט די געקרייזלטע פּיאות, וואָס ער פּלעגט זיי אַרונטערמאַכן הינטערן אויער, ווען ער פּלעגט גיין צו די פּריצים, און געזאָגט צו דער מאַמען:

— רחלע, די זון זעצט זיך, עסט מיר געבן אַ העמד.

דאָס זעצן זיך פון דער זון — אַ רויט־צעגליטער שליאַך, וואָס האָט מיך שטענדיק דערמאָנט אין וועג, וואָס פירט אין גהינום אַריין, — האָט מיך איצטיקס מאָל נישט געשראָקן. די רשעים לאָזט מען פריי, אַפילו דער סמבטיון רוט איצט. אין שטוב האָט זיך אויך איינגעזעצט די פּאַרע, אויסגעלויטערט זיך. נאָך דער פריערדיקער האַרבקייט פון קוילענען און אָנקאָכן רויע פלייש און פיש, באָבעס, מייערן, וואָס האָבן געקוואַטשעט פון די טעפּ אַרויס — האָט גענומען אַריינטרעטן אַ מילדקייט אין שטוב. ס׳איז געשטאַנען אַ געדיכטער, זעטיקער ריח פון געקאָכטע מאכלים. דער טאַטע איז אַריין אין ווייסן העמד, די מאַמע — אין באָרדער שלאַפראָק.

דער גערעַנגל פון טאָג מיט דער נאַכט איז געוואָרן ביי אונז אונטערגעיאָגט: דער טאַטע האָט פּאַרוקט די ווייסע פּאָר־האַנגלעך, אַרויפגעדרייט דעם אַכטער לאָמפּ, די מאַמע — גע־צונדן ליכט.

באין ברירה האָבן שוין שטערנדלעך אָנגעהויבן בלינצלען אין הימל. די לבנה איז אַרויס מיט אַ סערפּ און זיך גענומען שניידן איר רונד.

זילבער — צעפלאָסן הינטערן פענסטער אויף אַ בלאָער דעק, ליכטלעך אין שטוב אויף אַ ווייס טישטוך.

דער טאַטע האָט אָנגעטון אויפן קאָפּ דעם סאַמעטענעם הוט מיט דער הויכער דענקע, דעם אויסגעריבענעם, גלאַנציקן דאַשעק שטייף אויפן שטערן אַראָפּ, ווי אַ גענעראַל אין זיין

גאַלאַ-הוט. די צעדריוולטע, אַטלאַסענע יופּעצע, וואָס האָט זיך ווינטיק געפּלאָשעט — תּעסט אַרומגעפּאַסעוועט מיטן גאַרטל, די רויטע פּאַטשיילע — אַרום האַלז.

אַזוי איז ער אין זיין שבת־טראַכט געבליבן שטיין, צעגנו־מען די צוויי שפּיצן באָרד און געזאָגט צו אונז, ייִנגלעך:

— קינדער, ס'עט נאָך היינט נישט מיטגיין דאַווענען, כ'וועל ענק שוין נאָך שבת אי"ה קויפן שטיוועלעך. דאַוונטס דאָ.

ער האָט געקושט די מזוזה און איז אַוועק.

נאָך לאַנגע חדשים איז ער פּלוצלונג אַרונטער אויפן הויף, פּאַרלייגט דאָס לאָדנדל אויפן פענסטער. „ווי גוט ער האָט גע־טון" — האָט די מאַמע געזאָגט. — מיר איז עס אויך געפעלן: די שטוב איז געוואָרן אַן אָפּגעשלאָסענע, ליכטיקע היים, אַז ביי מיר האָט זיך ס'האַרץ דערפרייט.

די ליכטלעך האָבן איצט געגומען פלעמלען אין ווייט־קייטן: אויסגעשפּרייט בלאַקנדיקע שליאַכן אין פּאַליטור פון דער אַלמער, אין דער שויב פון דער אויסגענייטער „שויתי"; דעם טיש מיט די ליכט אַרויסגערוקט אויף אַ מייל ווייט אינם חושך פון צוגעמאַכטן לאָדנדל.

ביי דער פּערמאַכטער צעפינקלטקייט פון אַרום, האָט די ברוינקייט פון ווייַן און חלות אויפן טיש, פונם אויסגעשיטן זאמד, אָנגעהויבן אַרויסטרעטן טיפער, געשמאַלצענער, ווי דער שבת וואָלט זיך באַזעצט ביי אונז געפּאַנצערט אין קופער.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען זאָגן די תּחינה. זי האָט גערעדט צו גאָט, ווי צו אַ גלייכן און אויף „דו" און אויף דעם לשון, וואָס צו אַלע: „אַלמעכטיקער גאָט, גיב מיר און מיין מאַן און מיינע קינדער און מיין הויז־געזינד דעם הייליקן שבת צו רוען און צו הייליקן. באַהיט אונז פאַר אַלע בייזע באַגעגענישן און אויך פון אַלע בייזע

געשעעניש דעם היינטיקן טאָג, דען די רשעים אין גהינום האָבן אויך היינט רו, אין דעם ביטערן גהינום, — אַזוי זאָלסטו מיר דעם שבת באַהיטן פאַר אַלעם בייזן און דאָס מיינע ליכט זאָלן העל און לויטער ברענען. האַר פון אַלע וועלטן! גיב מיר קינדער זיי זאָלן לייכטן אין דיין תורה און באַשיידן דיין געבאָט. עס זאָל זיין באַוויליקט די שפּראַך פון מיין מויל און די געדאַנקען פון מיין הארצן — פאַר דיר גאָט, מיין באַשעפער און מיין דערלייזער״.

איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט זי דערהערן — זי איז דאָך אַזוי נאָענט מיט אים, געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ די גאַנצע צייט, ווי צו אַן אייגענעם. און זי בעט דאָך אים אַזעלכע היימישע זאַכן — פאַר זיך, פאַרן מאַן, פאַר די קינדער.

ס׳איז גאָרנישט דאָס, וואָס ביים טאַטן. ער לערנט אַזעלכע שווערע סוגיות, אַז כ׳פאַרשטיי נישט אַסך טייטש פון די ווערטער און וועגן אַזעלכע פרעמדע זאַכן: תרומה, מעשר.

צום ערשטן מאָל זינט איך געדענק, זענען זיך דעם פרייטיק די שכנטעס צונויפגעקומען ביי אונז נאָך ליכט־בענטשן.

ס׳איז אַריינגעקומען בלימעלע פון הינטער דער צווייטער וואַנט. אירע האָר האָבן זיך שוואַרץ דורכגעשטאָכן דורך דער זיידן־געשטריקטער רויטער הויב אויפן קאָפּ. דאָס פנים, אַ רונדיקס, מיט פּאָמעראַנצן בעקלעך, איז געווען פריש פון וואַסער אַרויס, און דער האַלז — אַזאַ ווייסער.

זי איז געווען נישט לאַנג נאָך דער חתונה. אין איר שטוב האָבן נאָך די בעטן, די שאַנק, געשמעקט מיט וואַלד, מיט סאָסנע־ריח.

געגאַנגען איז זי אָנגעטון אין דימענטענע אוירינגלעך, אין פינגערלעך, אַ בראַנזלעט. און זי האָט עפּעס געוועקט ביי מיר נעפּלדיקע באַגערן. אין אירע קלאָרע באַקן, ווי די פּאָרצעלייענע

פּיליזשאַנקעס, האָבן זיך די געבליטן כסדר געשוואָנקען. און מיר האָט דאָס געלאָזט פילן, ווי די פרוי זאָל זיך האָבן זאַפּטיק צעעפנט, ווי אַ קערש.

איך פלעג ביינאַכט, ווען איך בין אויפגעקומען, אויפשפּיצן די אויערן צו איר וואַנט צו, ווי אַ קאַץ, ווען זי טשאַטעוועט ביי אַ מויזן-נאָרע. דאָס אייגענע, אַז איך פלעג פאַרביייגיין פאַר איר פענסטער, וואָס איז תמיד געווען פאַרשאַרצט מיט ווייסע פאָרהענגלעך. איך פלעג מיך שטעלן אין אַ ווינקל און מיך איינעסן מיטן בליק. אַז איך האָב מיך דערוואָרט און דער מינדסטער שאָטן האָט פון שטוב אַרויס זיך גענומען טונקלען אויף די פאָרהענגלעך, האָט ביי מיר ס׳האַרץ אָנגעהויבן פויקן. אַמאָל האָב איך דערזען צוויי קעפּ מיטאַמאָל. זיי זענען געווען משונהדיק גרויס, אָן אַ פאָרם. דאָך האָב איך דערקענט אַ ווייבערישן און אַ מענערישן מיט אַ בערדל, ווייזט אויס דעם מאַנס. זיי האָבן זיך באַוויגן, די קעפּ, אַהער, אַהין, ג מישט זיך, געמישט, פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר כ׳פלעג צומאַכן די אויגן, האָבן זיך פאַר מיר געמישט קעפּ, געקנוילט זיך. איך האָב מיך אָנגעשטרענגט, לאַנג די אויגן פאַרמאַכט און — ס׳האָט זיך מיר גאָרנישט מער געוויזן.

אַז זי איז איצט אַריין אין אַ בלאָ סאַמעטענעם שלאַפראָק, אין אַ פּאָר פּאָנסענע שטוב-לעטשלעך מיט פּאָמפּאָנעס, — האָט מיר ס׳בלוט אַ שלאָג געטון אין פּנים. זי האָט אויף דער שוועל אויסגעקלונגען אַ פייעלכן „גוט שבת!” און געפרעגט די מאַמען: „נו, שכנטע, ווי איז עפּעס איהן דערגאַנגען?”

די מאַמע האָט געשמייכלט מיטן אויסגעצערטן פּנים, ווי אַ ק אַנקער, וואָס הייבט אָן קומען צו זיך: „געלויבט איז גאָט”.

זי האָט איר געוויזן די קיכלעך, חלות, מצהלעך. ס׳איז

אַרײַנגעקומען די הייכע לאה. אויך זי האָט באַטאַפּט, געוויגן אין דער האַנט דאָס געבעקס, אויסגעפּרעגט, וויפל אייער, וויפל צוקער. אַז די מאַמע האָט אַהינגעטראָגן דאָס געבעקס צום קרעדענסל, האָט די הויכע לאה זי באַדויערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צו בלימעלען: „נעבעך, אַזאַ ליכטיקע ווערטאַנעס, אַלץ איז דאָך ביי איר אויפן פּונקט". און צו דער מאַמען האָט זי גע־זאָגט: „שאַדט נישט, רחלע, ס׳וועט איהן שוין פון היינטמאָל אָן גוט זיין".

בלימעלע איז אויפגעשטאַנען: „איצט, שכנטע, דאַרפן זי זיך אַ ביסל אויסקליידן, מאַכן אַ ניי שייטל. איך וועל איהן אַריינוויזן מיין שייטל פון דער חתונה, אַ נייער פאַסאָן".

זי איז איילִיק אַרויס אין די פאָנסענע לעטשעלעך מיט די פאָמפּאָנעס, וואָס האָבן זיך צוגעוואָרפן צום גאַנג פון איר צעפלאַטערט גופל, ווי די טראָלדזן אויף די כאמעטן פון פריצישע פערד.

איינס און צוויי איז זי צוריק געווען. און מיט ווייסע הענטלעך, באַשטעקט מיט די גאָלדענע רייפלעך, האָט זי דעלי־קאַט פון אַ שעכטל אַרויסגענומען אַ שוואַרצן פּאַרוק מיט בליש־טשענדיקע שפּילקעס און קעם און עס אָנגעמאָסטן דער מאַמען.

די מאַמע האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אַ קליין מיי־דעלע צום אויסקעמען און האָט גאָרנישט געזאָגט.

בלימעלע איז שנעל געלאָפן מיט די פינגער, ווי אַ שפּין מיט די פיסלעך, פאַרלייגט איר אַ קאַרב אויפן שטערן און זי צוגעפּירט צום שפּיגל: „הע, שכנטע, זי זעען דאָך אויס, ווי פון אונטער דער חופּה אַפּיר!"

און די הויכע לאה האָט צוגעגעבן: „וואָס אָנטועכץ מאַכט פון אַ מענטש".

די מאַמע האָט האַלב פאַרשעמט געשמייכלט אין שפּיגל

אַריין, ווען ביידע פּרויען האָבן זי באַטראַכט. זי האָט זיך אַליין פּאָפּראַווועט דאָס שייטל לויט איר גוסט. איז זי מיר איצט פאַר־געקומען אַ פּאַניענקעלע, וואָס סטראָיעט זיך. די בלישטשענדיקע שפּילקעס מיט די קעם, וועלכע האָבן געשטעקט אין שייטל, האָבן אויפגעלויכטן אַ שיין אין איר בלייך פּנים. ס׳רוב געפינענדיק זיך צווישן שטרענגע, פאַרהאַרטעוועטע מאַנספּאַרשוינען, האָט זיך מיר דאָס קרענצל ווייבער געוויזן צעשפּילט. אַלץ, וואָס זיי האָבן איצט געטון, האָט מיר אויסגעזען מילד, ווייך. זיי האָבן זיך לאַנג ארומגעמאָסטן פאַרן שפּיגל, ביז ס׳האָבן זיך געהערט טריט פון מאַנסבילן אין קאָרידאָר און יעדע איז אַרויס מיט אַ „גוטן שבת״.

דער טאַטע איז אַריין מיט אַן אויפגערוימטן „גוט שבת״. ער האָט זיך גענומען דרייען אין דער צעפּינקלטער לויטער־קייט פון שטוב. יעדעס מאָל איז ער אַריין אין אַ בינטל פלעמ־לעך, וואָס זענען בלענדיק אויסגעוואַקסן אין אַלע זייטן פון די ברענענדיקע ליכט. ער האָט גענומען צו דריי מאָל רופן: „שלום עליכם״, מלאכי השלום״, „בואכם לשלום, מלאכי השלום״ וכ״ו וכ״ו, און האָט אָנגעהויבן קעגנפאַטשן מיט די הענט, אַז ביי מיר האָט דאָס געעפנט דעם הימל איבער אונזער שטוב. דערנאָך האָט ער מיט דעם אומעטיקן ניגון פון זיין רבין געזונגען „אשת חיל״. ער האָט אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער אין דער גאַרטל, ער איז איצט אויסגעקומען דינער, געשיקטער און האָט זיך אַרומ־געדרייט, אויסרעכענענדיק די מעלות פון אַן אשת חיל. מיר איז פאָרגעקומען, אַז ער רעכנט דאָס די לויבן פאַר דער מאַמען. זי האָט דאָך היינט געמוזט אויפשטיין, ווען עס איז נאָך געווען נאַכט און זי גרייט איצט פאַר די שפּייז פאַרן הויזגעזינד: די פיש צום טיש, יעדע פּאָרציע — באַפּוצט מיט אַ מייערל, אַ פאַרבראָקעכץ.

נאָכן קידוש האָט מען זיך אַרומגעזעצט אַרומן טיש און

זיך גענומען צו דער סעודה. מען האָט געגעסן און געזונגען געזונגען און געגעסן. האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט, האָט זיך געטראָגן אַן אַפּעטיטלעך געמלאַסקעריי פון די מיילער. דער טאַטע האָט געטרונקען לחיים פאַר די פיש, נאָך די פיש. יעדער „לחיים" איז געוואָרן מונטערער, פריילעכער. די קינדער האָבן הייטער געענטפערט: „לחיים טובים ולשלום". מיטאַמאָל גיט די מאַמע אַ בּוֹכניע אַרויס מיט אַ געוויין: „רבונו של עולם, פאַר־וואָס זאָלן מיינע טישן בּלייבן פאַרשעמט?" דער טאַטע האָט אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס:

— רחלע, ס'איז שבת.

— כ'וויל מיר כאָטש אַראָפּוויינען, צי מיין יאַך דען די פּרעס?

— רחלע, ס'איז שבת, פאַרשטער נישט נ'טיש...

אַליין האָבן ביי איר די אויגן־קישעלעך אָנגעהויבן ציטערן און ער האָט געכאַפּט אַ שפּיץ באָרד אין מויל אַריין צו פאַר־האַלטן זיך. און מיר אַלע, ווי מען וואָלט ביי אונז אַ צי געטון ביי איין משפּחהדיקן האַרץ־פּאָדעם, האָבן גלייך פאַרקרימט די פּנימער און אָנגעהויבן וויינען. די קלאָגן, וואָס ליגן אין אונזער לייב, זענען גליענדיקע, ווי ביי דער מאַמען: זיי קומען ביי אַ באַריר — כאָטש באַלד אויסצוגיין פאַר געוויין.

דער טאַטע האָט מיט אַ שלוכץ אין קול איבערגעריסן „ס'זאָל נאָר נישט גערעכנט ווערן, געמאַכט תשעה־באָב פון שבת".

די מאַמע האָט זיך גלייך אויסגעווישט די אויגן: „נו, שוין, נו, שוין, קינדער — איז זי געפאָרן מיטן פאַרטוך איבער די בעקלעך — ס'איז דאָך קיין עין־הרע אָנגעגרייט פון כל־טוב. נו שוין, נו שוין".

דער טאַטע — ווי זיין טבע איז אין גרעסטן צער —

זענדיק איצט דער מאַמעס צעטראָגנקייט בײַם װעלן פֿאַרװישן מיטן פֿאַרטוך דאָס געװײַן פֿון די קינדער, װאָס זי האָט אַרױסגערופֿן, האָט זיך שטאַרק צעלאַכט: „װאָס אַ ײדענע קען אַלץ אָנמאַכן“.

אַזױ האָט ער געמײנט, דער טאַטע, װען זײַן מוטער, די באָבע שײנדל, איז געלעגן מיט די פֿיס צו דער טיר און אַ ײדענע האָט זיך בײַם מחילה־בעטן געשנײַצט די נאָז: אײן שטיק געלעכטער געװאָרן, אַז מען האָט אים געמוזט אַרױספֿירן פֿון דער שטוב פֿון מת. אָדער צו נעילה, בעת ער האָט גע־דאַװנט פֿאַרן עמוד און דער שטומער לאָזערל האָט אַ געשרײ געגעבן: „לשנה הבאה בירושלים“. זיך נישט געקענט גובר זײַן און רב מענדעלע האָט געמוזט פֿאַרענדיקן נעילה.

די קינדער, זענדיק איצט זײַנע צעקװאָלענע צײַן דורך דער באָרד, מיט זײַן הױדערדיקן געלעכטער, װאָס װאַרפֿט זיך אין אים, — האָבן, װי מען װאָלט אָנגעקלאַפּט אין אײן מעטאַל, אָנגעהױבן אַרױסקלינגען אײן געלעכטער.

און דאָס געלעכטער אונזערס איז דעם טאַטנס: אַ הילכיקס און מען פֿאַרקײכט זיך — נאָר צעשמאָלצן צו װערן.

דערפֿרישטע, װי שאָף אױף דער פּאָשע נאָך אַ רעגן האָבן מיר װײַטער געגעסן און געזונגען.

שבת. אין דער פֿרי האָט זיך די זון אַװעקגעלײגט בײַ דער שװעל פֿון אונזער הױז, ליכטיק געפּאַליעט, געפּאַליעט, װי אַ דין װינטל איבער אַ צעבלאַנקטן װאַסער־פּלאַך.

איך האָב זיך אַװעקגעזעצט אױף דער שװעל פֿון הױז און די באָרװעסע פֿיס אַרײַנגעשטעקט אין דעם זוניקן געװעב װי אין אַ געשטריקטער נעץ אַרײַן, װאָס זאָל מיך ערגעץ אַװעק־ציִען. ס׳איז מיר געװען אַ גרױסער שאָד, װאָס איך האָב נאָך

נישט געהאַט קיין שטיוועלעך. מען האָט געבענטשט ראש־חודש און דער גאַנצער הויף מיט די קינדער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם שבת אין דער פרי אין דער שול אַריין, אין בתי־מדרשים, טייל מיטן טאַטן — צום רבין.

און די געזאַנגען האָבן מיך גענומען, אַז איך האָב זיך כּסדר געצויגן צו די פליסנדע זון־פּאַסן, ווי זיי וואָלטן מיך גע־קאָנט אַוועקשיפן פון דאַנען.

דורך די אָפענע פענסטער האָבן זיך שוין געהערט די ניגונים פון הפטורה נאָכן פאַרענדיקן מעביר זיין די סדרה, אָדער דער סוף פון אַ יום תהילים.

ווייבער האָבן געשריגן אויף די קינדער ביים גלייכמאַכן זיי די קעפלעך. געהאַקט ציבל איידער זיי זענען געגאַנגען אין שול אַריין. יעדעס מאָל האָב איך ווענמען אַנדערש געזען פאַר־ביי, און ביי יעדן איינעם האָב איך די אויגן אַוועקגענומען.

דאָ איז אַרויס דער סאַדאָווניק פון דער פורטקע פון סאָד אין אַ שוואַרצער טוכענער יופּעצע, דעם טלית אונטערן אָרעם און דער קליינער עוזר, אין אויסגעשמירטע שטיוועלעך, איז אים נאָך. איך האָב באַמערקט, ווי דער סאַדאָווניק האָט אַ בליק געוואָרפן צו מיינע באָרוועסע פיס און האָט אויסגעמיטן צו קוקן צו מיר. דאָס האָב איך אַזוי געזען איבער דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געגאַנגען איבערן הויף. הגם איך האָב עס גע־וואָלט, האָב איך זיך ביי זיין אויסמיידן געפילט, ווי מען וואָלט מיך געוועזן אַוועקגעוואָרפן.

דערנאָך איז אַרויס פון אונזער פאָדערהויז רב בעריש חזן. די זילבערנע שפּאַניע פון טלית האָט אים אָפּיגעבליש־טשעט פון הינטערן סאַק מיטן סאַמעטענעם קאָלנער. מיט אים זענען מיט זיינע צוויי יינגלעך אין זיידענע יופּעצלעך, אין

סאַמעטענע אַטקאַנטיקע היטלעך, מיט זיידענע בענדלעך פֿון פֿאָרנט, און אין שטיוועלעך מיט לאַקירטע כאָלעווקעס.

איך פֿלעג מיך אַ סך מאָל מיט זיי שפּילן. איצט האָבן זיי געשפּרייזט אויף דער אייגענער שוועל, ווו איך בין געזעסן, האָבן עפּעס געשפּרונגען איינער צום אַנדערן ביים רעדן און האָבן מיך נישט געזען. דער יונגערער, פֿישל, האָט געוואָלט אויסקומען מיט אַלע גלייך, האָט ער זיך פֿאַרבײַ מיר דוּ׳כגעשטופּט און האָט אַרויפֿגעטרעטן אויף דער פּאָלע פֿון מיין כאַלאַטל. ער איז ווייטער געגאַנגען, נישט אומקוקנדיק זיך. מיך האָט דער פֿלעק פֿון זיין שטיוול אויפֿן כאַלאַטל געשטאָכן, ווי ער וואָלט געווען אויף מיין לייב. כ׳וויס נישט, דער פֿרעמדער שטויב אויף מיין בגד האָט מיך געמאַכט פֿילן, ווי אַן אויפֿגעשמירטער זאַלב אויף אַ באַנדאַזש, וואָס מיך האָט עס געעקלט אָפּצורייניקן און בין געבליבן זיצן אַ כאַ־טראָטענער. די מאַמע איז אין אַ ווײַלע אַרום אונטערגעקומען אין פּלושענעם זשאַקעטל מיטן גראָבן סידור און האָט זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט:

— מיין אָרעם קינד — האָט זי צו מיר געזאָגט, ווי מיר וואָלטן פֿריער געווען גערעדט וועגן דעם — נעם פֿאַר ליב נאָך אַ טאָג. ס׳וואָלט נישט נעכטן געווען פֿרייטיק, וואָלסטו שוין געווען געהאַט שטיוועלעך. גיי אַריין, דאַוון אָפּ און פֿאַרבייס, ס׳שטייט דאָרט פֿאַר דיר פֿיש.

— יאַך וויל מיט לאַקירטע כאָלעוועס, אַזוי ווי פֿישלס שטיוועלעך.

— כ׳על רעדן מיטן טאַטן. גיי, גיי, וויין נישט. — זי האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע פֿון סידור, אָנגעגרייט צו די אויגן, האָט מיר אויסגעווישט די טרערן און איז אַוועק אין שול אַריין.

פֿון טונקעלן קאָרידאָר האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעפֿאַרבט

בלימעלע, אין אַ בלאָ-זיידן קלייד מיט אַ קראַגן פון ווייסע פעדערן אַרום האַלז. זי איז איצט אין די בלישטשענדיקע שפּילקעס אינם קאָפּ האָר, מיט דימענטענע פינגערלעך אויף די הענט, די גאָלדענע קאָליע אַראָפּגעהאָנגען, אַזוי פיל-קאָלירִיק געווען און זיך לייכט געבויגן, אַז זי האָט דערמאָנט אין אַ פּו, וואָס וויגט זיך אויף אַ שטענגל.

אין איין האַנט — די שלעפּע פון קלייד, אין דער צווייטער — אַ סידור באַליישט און פאַרשלאָסן מיט גאָלד, וואָס איז ענלעך געווען צו די שאַכטלען זיסוואַרג מיט גאָלדענע עטיקעטן אַרום. האָבן מיך טאַקע די געבעטן אין איר סידור דערמאָנט — נישט ווי ביי אַנדערע ווייבער אין רפואות, פּרנסה, — נאָר אין געפילטע זיסיקייטן, אָנצובאָטן איר אין מויל אַריין.

זי האָט אונטערגעהאָפּסט אין די ברוינע פּאַנטאָפעלעך, ווי אַ פייגעלע. ביי יעדן שפּרייז פון אירע פיס האָט, ווי ביי אַ צעשפּרייט-געגעבענעם פּעכער, אַ ווייע געטון אויף מיר אַ פאַליע, אַ וואַרעמע.

איך האָב זיך פאַרשעמט איר אַזוי נאָכצוקוקן און האָב געוואָלט אַוועקנעמען די אויגן. נאָר זי האָט זיך גאָר ביי מיר פאַרהאַלטן, צעשטעלט די פיס אויף צוויי טרעפּלעך און מיך געבעטן: „שלמה, גיב מיר אַ בליק צו דער שטוב. כ'וועל קומען פון שול, וועסטו קריגן ניס. גוט? — און האָט מיר אַ גלעט געטון איבער דער באַק. ווי מען וואָלט אַ קראַן געעפנט, אַזוי האָט מיר ס'בלוט אָנגעהויבן שלאָגן אין פּנים אַריין.

זי האָט זיך הויך צעלאַכט: „שעמסט זיך? וואָס שעמסטו זיך אַזוי?” — און געלאַכט און געגאַנגען, געלאַכט און געגאַנגען.

דער גלעט האָט גענומען לעבן אויף מיין באַק, ווי אַ ברי. ער איז געלאָפן פון דאָ אויס איבער די גלידער און געיאָגט איבער זיי ס'בלוט. איך בין געזעסן אַ צעקאָכטער. פּלוצלונג

האָט זיך געעפנט אונזער טיר און ס'איז אַרויס דער טאַטע. דער בליק זיינער האָט זיך מיט מיינעם צונויפגעשטויסן, ווי צוויי שפּרינגפעדערס — און איך בין אַוועק.

איך בין שנעל אַרונטער הינטער דער מויער. ס'האַרץ איז מיר שיר נישט אַרויס.

כ'האָב געפילט, ווי די שטעכיקע פאַרשעמונג, וואָס האָט געשטעקט אין אונזער שטוב, וועט — ווי די שפּרינג-מעסערס — אַרויס, ווען דער טאַטע וועט מיך דאָ שבת זען זיצן אַ באָר־וועסן, בעת אַלע זענען ביים דאַווגען.

איך האָב אָפּירגעבליקט מיט אַן אייגל און דער טאַטע האָט זיך טאַקע געמאַכט נישט זען, אַז איך בין אַנטלאָפן פאַר אים. נאָך זיין אַוועקגיין בין איך אַריין אין שטוב. ס'איז געווען שוין צוגערוימט: אויסגעשפּרייט די גרינע קאָלדרעס מיט די טראָלדון, דאָס טישטוך מיט די פראַנזן אַרום. איבער דער שטוב האָט געבלאַנקט אַ ווייסער זאַמד אַנטקעגן דער זון.

די חלות — צום טיש געגרייט — זענען געלעגן איינס אויף ס'אַנדערע, ווי קעפּלעך, וואָס שפּאַרן זיך אָן. די קינדער זענען געזעסן און געגעסן, וואָס די מאַמע האָט פאַר יעדערן איבערגעלאָזט. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן מיט די הענטלעך ביים קייען, ס'זאָל זיך נישט אָנמאַכן איבער דער שטוב, ס'זאָל זיין ריין, ווען די מאַמע וועט קומען פון שול. אָפּגעדאַווגט, פאַר־ביסן, — בין איך צוריק אויפן הויף אַרויף.

ס'איז קיינער דאָ איצט נישט געווען. מיר האָט דאָס אויסגעוויזן, אַז אַלע, וואָס האָבן שיך, זענען איצט ערגעץ אַוועק־געגאַנגען. איינע נאָר איז געשטאַנען פאַרן טויער און אַרויסגע־קוקט אויפן וועג. דאָס איז געווען דאָס שטוב־מיידל פון בעריש חזן. זי איז נישט לאַנג צוריק געקומען אהער דינען פון דער פרעמד. און שטענדיק האָב איך זי געזען ווי אויף וועמען אויס־

קוקן, אָדער דורכן פענסטער אָדער פאַרן טויער. נאָר קיינמאָל איז צו איר קיינער נישט געקומען. זי איז געווען אַ שוואַרצע, מיט אַ דאַר, לאַנג צעפּל און מיט רויטע באַמקעלעך אויפן פּנים, אויפן שטערן, ווי די בעז-קעפּלעך איידער זיי עפענען זיך. פון דעם פּנים האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע אויגן, גרויסע, וואָס האָבן זיך טרויעריק געקלעבט צו יענעם.

זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ווייס געהאָפטן פאַרטוכל און אַ שטיקל בלאָע באַנד איינגעפלאָכטן אין צעפּל. און דאָס האָט מיר ווי געטון. פאַר וועמען פוצט זי זיך, פאַר וועמען? מען קוקט זיך דאָך אויף איר גאָרנישט אום. עפּעס האָב איך ביי איר אָנגעזעהויבן פילן די גראָבקייט פון די מענטשן.

מיר איז איינגעפאלן, זעענדיק זי שטיין און אויסקוקן, ווען איך זאָל זיך נאָר נישט שעמען, וואָלט איך צוגעגאנגען און איר געזאָגט, אז ווען איך וועל אויסערוואקסן, וועל איך זי נעמען פאַר אַ כּלה. זאָל זי זיין מיאוס, זאָל זי זיין נאָך מיאוסער, אדרבא, — און איך וועל „זיי" ווייזן.

זי האָט מיטאמאָל דערזען אירע באַלעבאַטים גיין אויפן וועג און איז שנעל אַריין. מען האָט אָנגעהויבן אָנקומען פון שול. איבערן הויף האָט זיך דערהערט אַ לוסטיק קלינגען פון טעלער און לעפל, שבתדיקע זמירות.

ביי אונז האָט זיך דאָסמאָל לאַנג געצויגן דער טיש. ביי יעדן מאכל האָבן זיך געהערט דערקוויקנדיקע מלאַסקערייען, אַז ס'איז מיר איינגעפאלן: ווי אַזוי זענען מיר דאָס געבליבן לעבן, ווען מען האָט ביי אונז אַזוי ווייניק און מאָגער געגעסן.

נאָכן עסן האָט דער טאַטע זיך גלייך געמאַכט ס'בעט און געהייסן כ'זאָל אים אַראָפּציען די שטיוול, ער קען זיך נישט איינבייגן.

מען האָט פֿאַרהאָנגען ס׳פֿענסטער מיט אַ קאָלדרע. אָבער די זון האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשניידן. זי איז געקראָכן דורך אַ שפּעלטעלע אין דער הויך בײַם נאָגל, דורך אַ צעדריוולט אָרט אין דער מיט און האָט צעוועבט אין דער טונקלעניש פֿון שטוב דינע זײַלעכלעך ליכט, וועלכע האָבן זיך מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי דער עמוד האש, ווען די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, זיי צו באַלײַכטן דעם וועג. אין שטוב זענען געשטאַנען געדיכטע ריחות פֿון עסנוואַרג. פֿון צײַט־צו־צײַט האָט זיך געהערט אַ פּרײַכעניש פֿון די מענטשן. פֿליגן האָבן אַרומגעזשומט אויפֿן טיש, אויף דער קיך, געזוכט שיריים פֿון מאָלצײַט. מילבן זענען אַרומגעקראָכן אויף דער פּושקע צוקער, געזוכט אַ וועג ווי אַרײַן. אַ שוואַרצע קאַץ האָט זי אַרײַנבעקומען און געגריזשעט אין ווינקל די ביינער. אַזאַ געראַיערײַ מיטאַמאָל בײַ אונז אין שטוב! די מאַמע איז געזעסן בײַם טיש מיטן עברי־טײַטש־חומש און יעדעס מאָל אײַנגעדרימלט, אַ כאַפּ זיך אויף געגעבן, געזאָגט פֿויל אַ פּאָר פּסוקים און ווײַטער אײַנגעדרימלט, וואָס דאָס איז גאָר נישט געווען איר טבע.

דער טאַטע איז געלעגן אויפֿן איבערבעט, געפּרוווט אײַנדרימלען און נישט געקאָנט און געזאָגט צו אונז: „שלמה, הערשל, זעצט ענק נאָר אַוועק בײַם בעט און עך וועט מיר אָפּיאָגן פֿון די פֿליגן.“ מיך האָט דאָס גוט געברענט. ס׳האָט מיך שוין פֿאַרדראָסן אויפֿן גוטן עסן, וואָס מען האָט בײַ אונז אָנגעגרייט, אויף דעם פֿארדינסט זײַנעם. ביז איצט איז אים דאָס גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן. „יאָגן פֿון די פֿליגן,“ „יאָגן פֿון די פֿליגן“—האָב איך געמרוקעט אונטערן נאָז. נאָר קעגנשטעלן זיך דעם טאַטן האָב איך נישט געקענט. ס׳איז גאָרנישט געווען בײַ אונז אָנגענומען. זײַן יעדעס וואָרט—אַ צוואַנג, וואָס פֿאַרהאַקט. אינדרויסן פֿאַרײַסט די זון, ס׳דערטראָגן זיך קולות פֿון די ייִנגלעך בײַם שפּילן נאָכן עסן—

און מיר דאָ זיצן אין דער האַלב-טונקלעניש און מען טאָר נישט רעדן, נישט איבערצוּוועקן קיינעם. דער טאַטע ליגט אינגאַנצן אויפגעדעקט און כראָפּעט אַזוי פּאַרדאָסיק, אַז עס רייסט מיר אויף די אויערן. יעדעס מאָל גיט ער אַ בלאָז אויף די וואָנסעס מיט דער באָרד אַרום מויל, ווי עפּעס קאָלטענעס האָר וואָלטן זיך אים נאָכגעשלעפּט, ווי בײַ פּויערים, וואָס גאָלן זיך נישט גאָרנישט זײַן באָרד, וואָס ער גלעט זי אַזוי אויס פאַרן דאַוונען. דאָס אַלס פאַרטראָגט מיך, אַז איך און מײַן ברודער זיצן דאָ געפאַנגענע, מיר געפונען זיך אין אַ טונקעלע הייל, ווו עס ראָיען אַרום אַזוי פיל רמשים. דער טאַטע איז דער פירער פון דער באַנדע, וואָס ליגט איצט נאָכן עסן צעשפּרייט און האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, דאָס מיר זאָלן פון אים אָפּיאָגן די פליגן, אַז נישט האַקט מען אונז אָפּ די קעפּ. דערפאַר האָבן מיר באַקומען גוט אָנצוּעסן זיך.

פּאַרדעס איז ווי געווען צו דער פליג, וואָס האָט זיך אַהער געיאַוועט. איך האָב זי אָנגענומען פאַר אַ חיה רעה, וואָס מען האָט זי אַרויסגעלאָזט, זי זאָל אונז פּלאָגן. כ׳האָב זי אַ כאַפּ געטון אין סאַמע לופט, איר אַרונטערגעפליקט די פליגלען און — גיי קריך דאָרט אַרום, ווי אַ וואָרים.

די ערשטע מינוטן איז נאָך געווען וואָס צו טון. שפּעטער האָט מען שוין געדאָרפט אויסקוקן די פליגן. מיך האָט דאָס אַרויפגעפירט אויף אַ געדאַנק: צי זיי קענען זיך אויך דער-ציילן ווענן זאַכן. איך האָב געפרעגט בײַ מײַן ברודער: „ווי מיינסטו, הערשל, פליגן קאָנען זיך אויסזאָגן, אַז מען טוט זיי עפּעס?״ ער האָט געהויבן מיט דער פלייצע. כדי אויכצופרוון די זאַך, איז מיר אײַנגעפאַלן מער נישט צו לאָזן איבער דער שטוב קיין לעבעדיקע קאַליקעס, נאָר באַלד זיי צו ממיתן. דער-גאַנגען בין איך סיי-ווי נישט, ווײַל פּונקט ווי פריער זענען זיי שוין ווײַניק אַהערגעקומען.

אום צו פאַרטרײַבן די צײַט, האָב איך מיך מיטן ברודער געווינטשעוועט = (?)

אום צו פאַריאָגן די צייט, האָב איך מיך מיטן ברודער געגוזען שפּילן אין אַ מיל. יעדער האָט גענומען אַ סידור. איך— אַ מיש אויף אַ בלעטל, ער — זיינס אַ בלעטל אויף מיינס. אַז ביידע סידורים זענען אויסגעמישט, שטעלט מען זיי אויף און עס פאַלט זיך אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, אַז עס גייט אַזש אַ ווינט.

די נאַכט פון דער פולער־וואָך האָט דאָס מאָל נישט מיטן גראָען קאַנט פון דער וואָכעדיקייט אָפּגעטיילט דעם שבת ביי אונז. דער טאַטע פלעגט דעמאָלט נאָכן שבתדיקן גענזאַנג און געפּאַטשעריי מיט די הענט, אויסקראַצן נאָך הבדלה אַביסל טאַבאַק פון אַ קעשענע און אַרויסלאָזן ביטערע זיילן רויך. דערביי האָט ער זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב. יעדעס מאָל ביים צוקומען צו אַ ראָג, פלעגט ער אָנקלאַפּן איין שטיוול אין אַנדערן און אונטערברומען: „נע, נע, וואָס הייבט מען ווייטער אָן צו טאָן?"

איבער דער שטוב האָט זיך צעלייגט אַ וואָלקן קאָפּעטש, וואָס האָט זיך געוויקלט — נאָר זיך אַראָפּצולאָזן אויף אונז און צו פאַרשלינגען. און דער טאַטע האָט זיך געדרייט אין זיין אויסזיכטסלאָזן גאַנג און די קינדער מיט דער מאַמען זענען געזעסן פאַרשטומטע אין די ווינקלען. היינטיקס מאָל, אַדרבא, אַז דער טאַטע האָט פון הבדלה־ווייַן זיך אַריינגעטריפט אין די קעשענעס און צוגעזונגען: „זרענו וכספנו ירבה כחול, וככוכבים בלילה", —האָבן אין דעם אינדערוואָכן אויפגעבלאַנקט די גאָלד־שטיקלעך, וואָס די מאַמע האָט ערגעץ באַהאַלטן אין אַ טיכעלע, ווי די שטערן טאַקע אין הימל. באַלד האָט זיך צערודערט אַ באַוועגונג, ווי דער שבת וואָלט זי געווען פאַרהאַלטן.

דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַן אַרויפגע־

דרייטן לאָמפּ, גענומען אַ פּאַפּיר און אָנגעהויבן אויסצושטעלן איין צעטל פון חובות און איינעם פון איינקויף. די מאַמע האָט זיך אַנידערגעשטעלט איינגעבויגן איבערן טיש און האָט זיך יעדעס מאָל געשפּאַרט מיטן טאַטן. זי האָט געוואָלט, ער זאָל שטעלן, וואָס ווייניקער אויפן צעטל פון די חובות און וואָס מער פון איינקויף.

דער טאַטע האָט צו איר געזאָגט מיט אַ שמייכל: „הוליטייסקע משפחה, יאַך מיז צום ערשט באַצאָלן, וואָס קומט פרעמדע מענטשן".

און די מאַמע האָט אַרויפגעשטעלט דעם פינגער אויפן צעטל פון די חובות און נישט געלאָזט מער שרייבן: „פויער— האָט זי געשריגן צום טאַטן—מענטשן זעצן מער אָן, די קינדער גייען דאָך מיר אָדם-נאַקעט".

די קינדער זענען אַרומגעשטאַנען און יעדעס מאָל ביים אויסלייענען זייערע נעמען, האָבן זיי געשפּרונגען איינס קעגן אַנדערן.

— „שלמהן, אַ פּאָר שטיוול מיט אַ כאַלאַטל" — און די מאַמע, וואָס האָט נישט געקענט שרייבן, איז געפאָרן מיטן פינגער אויפן פּאַפּיר: „און אַ פּאָר הייזלעך, זיי שיילן זיך דאָך שוין פון אים אַראָפּ".

„רייזלען אַ יאַקעלע מיט אַ פּאָר שיך". „און אַ באַרכנקעלע" — איז די מאַמע נישט אָפּגעטרעטן מיטן פינגער. דערנאָך האָט מען די קינדער צעשיקט נאָך די בעלי-חובות.

דער ערשטער איז אַריינגעקומען דער ווירט. זיין אונטערגעשוירן בערדל, וואָס פלעגט — ווען ער האָט זיך געבייזערט — אונטערשפּרונגען, ווי אַ צוגעטשעפּעטס, עפּעס ווי אַ זאַך צום אָפּשרעקן, — האָט זיך איצט מיט דער הילף פון די גרויסע פאָדערשטע ציין אויסגעבאָרגט אַ שמייכל.

— גוטמוואָך, רב לייב — האָט ער הויך אויסגעשריגן אויף

קוראַזש צו קאָנען אַריינקומען אין טאַטנס גבול, וועלכער האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיין זייט. ער האָט אים נישט פאַרבעטן צו זיצן, דער טאַטע, וואָס פלעגט דאָס טון ביי יעדן אַריינקומענדיקן מיט אַ „ברוך מישבין" און גלייך אים אונטער-גערוקט אַ שטייסל געלט.

דער ווירט האָט זיך געריבן ביים בערדל, זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַרן אַריינשטעלן צו אונז דעם קראַנקן: „אַלע פאַרלייגן זיך אויף אים, מען ברענגט אים משפחות פון אַלע זייטן" און האָט דעם טאַטן געהייסן צוריקנעמען פאַר אַ קוואַרטל, וואָס דער קראַנקער איז געלעגן ביי אונז. דער טאַטע האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן, די אויגן זענען אים איבערגעלאָפן און האָט אַ זעץ געטון מיט דער האַנט אין טיש, אַז דאָס געלט איז אונטערגעשפרונגען, ווי שטרולקעס: „יאַך בין נישט אייער אָרעמאַן, נאָר דער אויבערשטער זאָל אייך באַצאָלן, וואָס איר האָט געטון קעגן מיר". דער ווירט האָט אויף דער גיך אַריינגעשאַרט דאָס געלט אין דער האַנט אַריין און איז אַרויס דערמיט, ווי ער וואָלט עס געכאַפּט. די מאַמע האָט זיך אָנ-גערופן:

— פונדעסטוועגן, לייב, האָסטו געדאַרפט נעמען פאַרן קוואַרטל. מען האָט זיך ווייניק אָנגעליטן, איינגעשטעלט געווען מיט די קינדער, פון אַ חזיר אַ האָר אויסגעריסן.

— יאַך וויל פון אַזאַ חזיר קיין האָר אויך נישט אַרויס-רייסן—האָט דער טאַטע געענטפערט.

דערנאָך זענען געקומען „פּאַצענע", אַ געוועלבניק, אַ ייד מיט אַ בלייך, פול פּנים, וואָס די באַקענעס האָבן זיך אַראָפּ-געגאָסן דורך דער שיטערער באָרד, ווי אַן איבערגעיוירן טייג; וואָלף קצב, מיט אַן אונטערשטעטער בלאָער ליפּ, וואָס איז געהאָנ-גען אויף איר אַ גאַווער, ווי ביי אַ בהמה, ווען זי מעלה-גרהט,

דער טאַטע האָט זיי אַוועקגעזעצט ביים טיש, ווי פּנבודיקע לייט, מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן פון דער אָפענע שאַכטל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און האָט יעדן צוגעטראָגן זיין חוב אין אַן אָפּגעציילט קופּקעלע געלט. ער האָט זיי געזאָגט מיט אַ הלצהלע:

— הערט עך, יידן, כ׳האָב נאָר מורא געהאַט, כ׳זאָל נישט אין מיטן דריינען געבן אַ שטאַרב אַוועק און זאָל דאַרפן אָפּאַרבעטן די חובות אויף יענער וועלט. כ׳וואָלט דאָך געדאַרפן אָפּאַרבעטן דאָס, וואָס ס׳האָט מיר טייער גערעכנט אויך — און דאָס וואָלט גאָר געווען אַ ביטער פּעקל.

„פּאַצענע״ און וואָלף קצב זענען געבליבן מיט צעשראָקענע פּנימער. און דער טאַטע האָט זיי געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, אַז ער מיינט נאָר אַ געלעכטער.

צו די שכנים אָרום האָט מען מיט די קינדער געשיקט די חובות, איינגעפּאַקט אין שטיקלעך פּאַפּיר. און דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל יעדן צוזאָגן „אַ שיינעם דאַנק״.

די מאַמע האָט אויך געמאַכט איין קופּקעלע געלט. זי האָט געזאָגט צום טאַטן: „נאָך גוט, כ׳האָב מיך דערמאָנט. ס׳זאָל מיר נישט גערעכנט ווערן, קומט ביילע דער אַלמנה פּאָר אַ פּאָר שטיקלעך געבעקס. גיב נאָר אַהער, לייב״. און זי האָט אָנגעזאָגט דאָס שוועסטערל, מיט וועמען זי האָט געשיקט: „הערסטו, רייזל, אַז זי וועט דיך פרעגן, וואָס דאָס געלט איז, זאָלסטו זאָגן, אַז עס קומט איר שוין פון לאַנג און זאָל זי נישט פרעגן קיין קשיות״.

אַז מיר זענען געבליבן אַליין, האָט זיך דער טאַטע אויפגעשטעלט, צענומען די באָרד און גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב, רעדנדיק, ווי צו זיך אַליין: „געלויבט דער אויבערשטער, צעצאָלט זיך. אַ ריינער אָרעמאַן. איצט קאָן איך אויף דער וועלט קוקן מיט אַ פריי פּנים״.

און גלייך איז אין דער שטוב געוואָרן ווידער עפּעס אַנדערש.

די מאַמע האָט געגומען גרייטן צום טיש, צו מלוה-מלכּה. די סעודה איז אויסגעפאַלן אַ שבתדיקע: פיש און פליייש אויף אַ ווייס טישטוך. דער לאָמפּ האָט געבּרענט אַרויפגעדרייט — יום טוב אין דער וואָכן.

די גוטסקייט אין אונזער שטוב, בעת מיר פלעגן שטענ-דיק אַריינפאַלן אין דער וואָכעדיקער נאַכט אַריין, האָט גע-שמאָלצן דעם באָדן און ס'האָבן אָנגעהויבן אויפגיין פאַר מיר די לופטיקסטע מעגלעכקייטן.

דער טאַטע זאָגט „ויתן לך", הויך, ציילט אַ וואָרט און וואָרט. און אַלץ פון דאָרט הויבט אָן אויפבליען פאַר מיר. איך גיי נאָך דעם טייטש פון ווערטער און זע, ווי די ברכות שיטן זיך אויף אונזער שטוב: טוי פון הימל און פעטקייט פון דער ערד, פיל קאָרן און ווייַן. עס וועלן דינען צו אונז פעלקער און זיך בוקן פאַר אונז קעניגרייכן א.אַז.וו. און איך צעשמייכל זיך אַזש ביי די זעונגען, וועלכע גייען פאַר מיר פאַרביי, ווי אונזער שטוב זאָל האָבן געוואָרן אַ פּאַלאַץ פון מלכים. דערנאָך זאָגט דער טאַטע „אליהו הנביא". און דאָ פליען מיר מעשיות פון אליהו הנביא: די אָרעמע פרוי, וואָס איז געגאַנגען צו-קינד און האָט זיך געפונען אין אַ שטיבל איינע אַליין. אויף אירע ווייַ-רופן איז מיטאַמאָל אַריינגעקומען אַן אַלט באַבקעלע. אין שטיבל איז גלייך געוואָרן ליכטיק. זי האָט ביי איר אָפּגענומען ס'קינד אָן דעם מינדסטן שמערץ. און כאָטש דאָס באַבקעלע איז אַריינגעקומען מיט ליי-דיקע הענט, און אין דער שטוב איז גאָרנישט געווען, — האָט זי פאַר דער קינפּעטאָרין געקאָכט רימעניק און גריץ, האָט אויסגעלייגט אויף איר געלעגער פרישע ליילעכער און ציכן, ווי דער געפאַלענער שניי, אויסגעבאָדן ס'קינד און איז פאַר-שוווּנדן. אַן אַנדערש מאָל דרייט זיך אַרום אויף ירידים אַ

פראָסט יידל מיט אַ שטריק אויף די לענדן. דאָ וואַרפט ער אונטער אַ טאָרבעלע מיט געלט אַ מחותן, וואָס דאַרף מסלק זיין נדן, אַז נישט — האַלט זיך דער שידוך ביים צעגיין. שיקט מיט אַביסל קרייטעכצער פּאַר אַ חולה, וואָס קיין שום דאָקטאָר אין דער וועלט קען אים נישט העלפן און — ער שטייט גלייך אויף געזונט.

אַזוי צעמישן זיך ביי מיר די וועלטן: די וועלט, יענע וועלט. אַלץ ווערט מעגלעך ביי דער איצטיקער גוטסקייט. איך שוועב כאָטש אַדורך דורך דער סטעליע.

צומאָרגנס איז מען טאַקע געגאַנגען מיט מיר קויפן אַ פּאָר שטיוועלעך.

איך האָב געוווּנקען צו דער מאַמען און זי האָט ביים אַרויסגיין געזאָגט דעם טאַטן:

— לייב, קויף אים מיט אַ פּאָר לאַקירטע כאַלעווקעלעך. ס'קינד האָט זיך שוין אַזוי איינגעפּאַסט.

— מ'עט שוין זען.

איבערן וועג האָב איך געקוקט דעם טאַטן אין די אויגן אַריין. ער איז געגאַנגען מיט דער קאַשטן־קאָלירענער באָרד און געקאַרבטן טונקעלן פּנים, ווי אַ בוים און געשוויגן. כ'האָב זיך אין דער שטיל געפּרווט, צי כ'וועל מיך קענען קעגנשטעלן, אויב ער וועט מיר אָפּזאָגן און בין יעדעס מאָל צוריקגעפאַלן — נישט געקאָנט פועלן ביי זיך.

אויפן נייעם מאַרק בין איך אַריין אין אַ היימלעכקייט.

מיר זענען געגאַנגען אויף אַ שטעגל, וואָס פון ביידע זייטן זענען געווען שטעלעכלעך מיט שוכוואַרג. עס האָבן גע־האָנגען פאָרנוויז אויף שטאַנגען אָדער געשטאַנען אויף טישן, שטיוול, שיך, פון פאַרשיידענע גרויסן, פונקט ווי די וועלט מיט מענטשן. אַלע זענען זיי געשטאַנען מיט די שפּיצן גלייך צום

גאַנג, אַז נאָך מײַן לאַנג גײן מיט די גאָלע פיס, האָט מיר אויסגעדאַכט, װי זײ שטײען גרײט זיך צו לאָזן צו די באָרװעסע.

דאָ האָבן נאָך די סוחרים, דערזעענדיק מיך מיט די באָרװעסע פיס גײן מיטן טאַטן, אָנגעהױבן רופן און ציִען בײ די פּאָלעס: „רב ייד", „רב קרוב", „קומט אַרײַן", „קומט אַהער".

מיך האָט אַן עלטערער ייד אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיך אַרײַנגעצױגן אין אַ בױד אַרײַן.

דער טאַטע האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין דער מיט צװישן די קראָמען און האָט זיך געװאָנדן מיט אַ שמײכל צו אַלע: „מײַנע ליבע יידן, כ'דאַרף דאָך נאָר אײן פּאָר שטיװע-לעך. װוּ האָט עך מיר אַהינגעטון ס'ייִנגל?" — האָט ער מיך גענומען אַרומזוכן. אַז ער איז אַרײַן אין בױד, האָט מיר ס'האַרץ אָנגעזאָגט אױף גוטס. ס'פּנים זײַנס איז געװען צעקװאָלן. ער האָט טאַקע געזאָגט צום סוחר: „גיט אים מיט אַ פּאָר לאַקירטע באָלעװוקעס". דערבײַ האָט ער אױף מיר אַ קוק געגעבן פון אַ זײַט מיט אַ ליכטיקן בליק, אַז ס'האַרץ האָט בײַ מיר אַ צאַפּל געטון פאַר פרײד.

דער סוחר האָט אַרױפגעצױגן אַ שטיװעלע אױף אַ האַנט, האָט עס געפּוצט מיטן אַרבל פון זײַן מלבוש, אױסגעקניפּט דאָס קאַפּקעלע, װי אַ בעקל און געזאָגט: „אַ פײַן גימזעלע, מעסט אָן".

נאָכן אױסצערטלען עס, איז מיר דאָס שטיװעלע שױן נאָענט געװאָרן, װי אַ לעבעדיקע זאַך. איך האָב אַרײַנגעטון דעם פוס און די פינגערלעך האָבן אין דער לעדערנער װײכקײט גע-נומען צערומצאַפּלען, נישט געקענט אײַנליגן, װי אַ פיש מיט די פלוס-פעדערן, װען מען לאָזט אים צוריק אַרײַן אין װאַסער.

דער טאַטע האָט זיך געפרעגט:

— זענען דיר גוט? — און האָט אַרומגעטאַפּט מיט דער האַנט דעם פוס דורכן לעדער.

— יאָ — האָט מיר פון בויך ארויסגעברומט און האָב די אויגן אַראָפּגעהאַלטן פאַר פרייד.

זיי האָבן זיך גענומען דינגען, אָבער איך האָב גאָרנישט געהערט. איך בין געווען פאַרכאַפּט פון מיינע פיס, וואָס האָבן ערשט מיט בושה געשטעלט די טריט און איצט זענען זיי באַדעקט מיט אויסגערונדיקטע לאַקירטע כאַלעוועלעך, מיט אַ קאַנטעלע ציינדלעך אַרום דער זויל. ניין, איך שטיי קוים איין אין זיי.

דער טאַטע ציילט געלט דעם סוחר אויף דער האַנט אַרויף און זאָגט צו מיר: „גיי אַהיים, איך דאַרף אַוועקגיין".

אָבער איך בין אַהיים נישט געגאַנגען. פאַר מיר האָבן זיך אויפגעבונדן די אַלע ערטער, וווּ איך בין שוין אַזוי לאַנג נישט געווען. איך גיי און פון מאַרק ציען זיך — דאָס שול-געסל, דער קראָקעווער טראַקט, דאָס קלויסטער-געסל. וווּהין פריער? און אַלע וועגן לאָקן מיך, לייגן זיך פשוט פאַר מיר אויס פרישע: „קום". איך לאָז מיך, ווי איך וואָלט פליגעלעך באַקומען אַרומצווואַשען אויף דער ערד. אָט בין איך שוין ביים שולכל. אויפן הויף זע איך נישט קיין איין יינגל, אַלע זיצן זיי אַוודאי אין חדר און לערנען — קומט מיר אויפן געדאַנק. דאָס דערמאָנט מיך אין מיין אַרומוואַלגערן זיך און אַנטלויף שנעל פון דעם אָרט. איך לויף ווייטער, קען די אויגן נישט אָפּרייסן פון מיינע פיס, ווי די שפּיצן גייען זיך דאָס, וווּ איך וויל נאָר. מיטאַמאָל נעמט מיך אַרום אַ חשק דווקא אַהיים, אַהיים אויף אונזער וועג אין די שטיוועלעך. איך וועל גאָרנישט זאָגן, אבער אלע וועלן דאָך שוין אַליין זען.

דעם גלאַנץ פון זיי, זע איך שוין, ווי ער שפּיגלט זיך אויפן וועג צו אונזער שטוב, ווי איך קום מיט אים אויף אונזער הויף, איך עפן מיט אים די טיר. אַלע שטעלן אויס די אויגן,

איך לויף אין סאָד אַריין, לויף צו פּישלען, בעריש זעם חונס, צו בלימעלען. אומעטום גייט ער מיר פאָראויס, דער גלאַנץ, און לייכט פאַר מיר דעם וועג פאָר.

איך קום צוריק אויפן נייעם מאַרק און דערזע פלוצלונג אַ געלויף. ווי פאַפּירן אויפן ווינט, אַזוי טראָגן זיך מענטשן צום קראָקעווער טראַקט. מען לויפט אַוועק פון די שטעלעכלעך, מען לאָזט זיך אַרויס פון די טויערן. איינער ציט דעם אַנדערן. אויפן טראַקט זעט מען נאָך גאָרנישט. דער וועג ציט זיך אין דער מיט פון ביידע זייטן פעלדער מיט קאַרטאָפלעס, קרויט, ווי אַ ברייטע אַש־קאָלירענע סטענגע. ער ענדיקט זיך העט, וווּ דער הימל פאַלט אַראָפּ און שניידט אים אָפּ. שטענדיק האָט מיר אויסגעדאַכט, אויב דאָרט ענדיקט זיך טאַקע נישט די וועלט. אַז איך האָב מיך אַמאָל געלאָזן אויפן וועג, בין געגאַנגען, געגאַנגען, צוצוקומען טאַקע, וווּ דער הימל מיט דער ערד שליסט זיך צונויף, האָב איך געזען, ווי ער נאַרט מיך, דער הימל, נאַרט מיך און לאָזט מיך נישט צוקומען צו זיך. איך בין אַנטלאָפן צוריק אַהיים און האָב שוין מורא געהאַט מיטן הימל אָנצוהויבן.

איצט, ווי עס שטייען אַזוי צעזייט מענטשן אויף ביידע זייטן און קוקן עפּעס אויס, קומט פון יענער אָפּגעשלאָסענער וועלט אַרויס אַ רייטער אויף אַ פערד. נאָך אים גייען פיס, גייען פיס, הייבן זיך און לאָזן זיך גלייך אַראָפּ, ווי ביי אַ שנור געצויגן.

די דאָזיקע באַוועגלעכע פיס טראָגן מיט רייען זעלנער, ווי עפּעס אויסגעשטאָפּטע פיגורן אין שינעלן. זיי גייען גלייך, צוגעלאַמט צו פיר אין אַ ריי און וואַרפן מיט די הענט, ווי מיט צוגעטשעפּעטע דרענגלעך. זיי ציען זיך, ציען זיך, די שלענגלען, אָפּגעצוקט צו פאָר טריט. און ביי יעדן אויסדריי, בויגן

זיי זיך אויס אויף איין זייט שמאָל, אויף דער צווייטער — ברייטער, ווי די פאַלדן פון אַ האַרמאָניקע ביים שפּילן.

זיי קלאַפּן דערביי אויס אַזאַ טרוקענעם גאַנג אויפן שאָסיי: איינס, צוויי, דריי — איינס, צוויי, דריי. אַז זיי זענען צוגעקומען צום אָנהויב שטאָט, האָט איינער מיט אַ בלאָנדער, ברייטער באָרד, וואָס בלויז די גאָמבע איז ביי אים געווען אויסגעגאָלט, אַ הויב געטון מיט אַ דיריזשיר-שטעקן און — אַ פּאָר טאַצן האָבן אַ צעקלינג געגעבן דעם חלל—דזש־ם, דזשים. גלייך האָט אָנגעהויבן זעצן אַ פריילעכער מאַרש פון טרומייטן, קלאַרנעטן, פּויקן. זיי שרייען אויף פאַרשידענע קולות, איינער אַהער, איינער אַהין און די טאַצן מאַכן שלום, קלאַפּן צו. איך לויף מיט מיט דער מוזיק. אָבער איך גיי נישט אויף דער ערד, כ׳ווער געטראָגן אויף דעם שאַל פון די טענער. מיט מיר לויפן מיט אַ סך קינדער, עלטערע מענטשן, שטראָמען נאָך, ווי אויף אַ וואַסער, וואָס פאַרפלייצט, און מיר קומט אויס זיך אָנצושטויסן אין אַנדערע, מיך צוריקצוהאַלטן, טאָמער נישט — וואָלט איך געפלויגן, געפלויגן, אינאיינעם מיט ד״ר פריילעכקייט, וואָס צערייסט די לופט.

די גאַנצע שטאָט איז שוין געווען אויף. פאַר אַלע טירן און טויערן, אויף שוועלן, שטייען קופּקעס מענטשן. די פענסטער זענען אויפגעפּראַלט. אין די ראַמען איז פול מיט מענטשן־קעפּלעך, ווי איינגעקלעפּט איינס ביי ס׳אַנדערע. זיי שטרעקן אַלע אויס די העלזער אַרויף, אַרויף. די שויבן וווּשלען זיך הין און צוריק, בלישטשען, ווי די פליגלען ביי זשוקעס. מיר דאַכט זיך טאַקע אויס, אַז די שטאָט וועט זיך אַ הויב טון: דער אָרקעסטער וועט בלאָזן, בלאָזן און די הייזער מיט די מענטשן וועלן זיך הויבן, הויבן. אַלץ רייסט זיך עפּעס אַרויף. אַפילו פּיצלעך קינדער הויבט מען קאַפּויער און זיי קוועלן אָן.

די זעלנער מאַרשירן, די עלטסטע רייטן אַזוי מלכותדיק אויף פערד. בײַ די זייטן רעדלען זיך זעלנער מיט ווײַטע קרייצן אויף רייט־וועגעלעך און די מוזיק שפּילט. אין מיר שפּאַרט זיך אַ פרייד, וואָס צערייסט מיך. דאָס האַרץ פלאַטערט און פון די אויגן רינען טרערן.

מיר דאַכט זיך נאָר אויס, ווי עס וועט אַ שפּרונג אַרויס געבן אַן אַנדער וועלט, פול מיט לוסטיקייט און פרייד.

אויפן נײַעם מאַרק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דער עלטסטער, אויף אַ פערד, האָט געגעבן אַ באַפעל, וואָס דער געשרײַ זײַנער איז געווען, ווי דער פּלאַץ פון אַ רייף: זיי האָבן זיך ראַפּטעם אַלע אַ צעשיט געגעבן. זיי האָבן אײַנגעשטעלט די ביקסן אין קאָזלעס. איצט האָבן זיי אָנגעהויבן גיין, ווי געווײַנלעכע מענטשן און עס איז מיט זיי פול געוואָרן אַלע ווינקעלעך. זיי זענען געלאָפן, די זעלנערלעך, אויף די הייף אַרונטער — טון אַ מענטשלעך געברויך, צו די שטעלעכלעך עפּעס קויפן, טייל האָבן געגעסן.

מיר האָט עפּעס אַ הנאה געטון, וואָס זיי זענען צוריק געוואָרן ווי מענטשן.

זיי גייען אין לאַגער אַרײַן — האָט מען גערעדט אויפן נײַעם מאַרק — זיי וועלן דאָ עסן מיטאָג. און באמת האָט מען געזען, ווו אין די קעסלען אויף צוויי הויכע רעדער, קאָכט זיך אין מיטן מאַרק. עס האָט געזעצט אַ פּאַרע און זעלנער מיט גרויסע לעפלען האָבן געמישט אין זיי. טייל זעלנער האָבן זיך אַרומגעזעצט אויף דער ערד און געפּיפּקעט פּאַפּיראָסלעך, געקנאַקט באַניקערן. האָט עס אויסגעזען, ווי די שטאָט וואָלט געוואָרן אַ גרויסע שטוב פאַר אַ סך מענטשן. אין אָט דער היימלעכקייט בין איך אַהיימגעגאַנגען אין מײַנע שטיוועלעך.

אין אונזער הויף, וואָס איז געלעגן נאָך דער קוזשניע,

האָט מען גאָרנישט געוווּסט פון דעם אָנקום פון די זעלנער, מען האָט גאָרנישט געהערט זייער שפּילן. מיך איז באַפאַלן אַ באַדויערונג אויף די מענטשן דאָ, הינטער דער שטאָט. עפּעס איך איינער האָב מיך ארויסגעכאַפּט. ס'איז מיר שוין נישט געשטאַנען פאַר דעם פאַרגעניגן. פאַרדאָס האָב איך מיך שוין נישט געוואָלט באַווייזן מיט די נייע שטיוועלעך. און פון יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געוואָלט אַראָפּבויגן זיי צו באַטאַפּן און טרעפן דעם מקח, בין איך אַנטלאָפן.

אין שטוב האָב איך נישט געהאַט געדענקט אַזאַ אינדער־וואָכעדיקן טאָג. די מאַמע איז געגאַנגען אָנגעטון אין סאַמע־טענעם שלאַפראָק, פאַרקעמט אין שייטל. זי האָט זיך געריכט אויף בעלי־מלאכות: שניידער, שוסטער, וועלכע דאַרפן קומען נעמען איר די מאָס און האָט זיך אַרומגעדרייט, ווי אַ מיידל צום באַשויונג.

אויף דער קיך האָט זיך געדעמפּט פלייש, פאַרבראָקט מיט באָבקע-בלעטער, מיט ענגליש געווירץ. דער ריח האָט, נאָך דער לאַנגער פאָסנעקייט, פאַרריסן די שטוב. ער האָט צעשנויפט די נאָזלעכער, דער געשמאַק, געקלעבט זיך צום גומען, צעשרויפט און געגנאָגט צום חלשן. ביים האַרץ איז געשטאַנען אַ נודנעקייט און אומבאַטעמטע וואַסערן זענען פּסדר געקומען אין מויל אַריין. די קינדער זענען ארומגעלאָפן, ווי צעררייצטע חיהלעך, ווען זיי דערשפּירן אַ פאַרצוקונג, און די מאַמע האָט יעדן גע־מוזט געבן צו פאַרזוכן נאָך איידער עס איז רעכט געווען אָפּ־געקאָכט. און איבער דער גאַנצער צייט פון קאָכן — ווער ס'האָט נאָר די טיר געעפנט, האָט די מאַמע קעגנגעטראָגן צו פאַרזוכן און באַשווירן, אַז מען מוז עסן, טאָמער האָט יענעם אָנגעשמעקט.

ביים מאָלצייט, נאָך מנחה-מעריב, האָט דער טאַטע געזאָגט,

אַז ער האָט מיך שוין אָנגעדונגען אין אַ נײַ חדר, בײַ אַ גמרא־מלמד, בײַ מאירל סטאָפּניצער, און מאָרגן אין דער פֿרי זאָל איך גײן אין חדר אַרײַן.

אויפֿן געלעגער האָב איך מיך לאַנג געוואָרפֿן, ביז איך האָב געקענט אײַנשלאָפֿן. די נישט־דרײַסטקײט מײַנע צו נײַע מענטשן האָט מיר ס'בלוט געשלאָגן אין פּנים אַרײַן. יעדעס מאָל, וואָס ס'האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט דער פֿרישער רבי מיט די נײַע תּלמידים, האָב איך די אויגן אַוועקגענומען אויפֿן געלעגער אַז ווײַט, נישגעהטו אַהינצוטון.

ז.

צווישן שאָטנס

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַן עול, וועלכער איז נאָך אויף מיר געלעגן אין שלאָף, ווי אַ משא, וואָס קייקלט זיך אויף וועמען אַרויף און ער בלייבט אונטער דעם ליגן. דאָס פּלאַטערן אין מיר האָט זיך גלייך אָנגעהויבן ביים פּאָרען און צוגרייטן זיך אין נייעם חדר אַריין, ווי פאַר יעדער זאַך איידער איך גיי אַריין אין איר. דאָס שטיק ליידיקע אַרומבלאָנקען מיינס איז מיר אין דעם פרימאָרגן — אי אַ שאָד געוואָ־ן, אי כ׳האָב עס שוין געוואָלט פּטרן.

די מאַמע האָט מיר פאָרגעברייט אַ פּעקעלע עסנוואַרג און האָט מיר אָנגעזאָגט: „געדענק, זאָלסט עט איינגאָנצן אויפעסן, עסט דאָך שוין זיצן ביז וואַרעמעס״.

מיר איז דער האַלז געווען פאַרוואָקסן, נישט געקענט גאָר נעמען אין מויל אַריין. איך בין געגאַנגען איבערן וועג און פאַר מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דער אַריינקום אין חדר: אַן אומבאַקאַנטע, גרויסע שטוב. תּלמידים זיצן אַרום אויף בענק, בענק, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאַר מיר העט אַוועק, ווי די שוועלן פון די באַן־ליניעס. אַלע זיצן זיי ביי אָפענע גמרות און לערנען פון זיי. דער רבי שטייט אויבנאָן, זיין פּנים האָט

זיך בסדר געטוישט פאַר מיר. אַמאָל איז ער אַ בלאָנדער, מיט אַ קליין בערדעלע, אין אַ זיידן היטל און מיט אַן אייזיל פּנים. אַמאָל — אַ שוואַרצער מיט צעיאָכמערטע אויגן, אַן אָפּן, האָריק לייב, און שטייט מיט אַ „פּאַלקע". ביי מיין אַריינקומען ווערט אַלץ איבערגעריסן און די אַלע פרעמדע אויגן זענען צו מיר געוואָנדן. דער רבי רופט מיך צו און הייבט מיך אָן פאַרהערן. איך ווער צעמישט, פאַרפּלאָנטער מיך, ווייס נישט וואָס צו ענט־פערן, די יינגלעך אַרום צעלאַכן זיך. איך פיל, ווי ס'האַרץ ציט זיך מיר צונויף און לאָז אַרויס אַ געוויין.

פון דער זעאונג, וואָס צאַפּלט מיר אַקעגן, הייב איך מיך אָן אַריינדרייען אין שול־געסעלע און פאַל אַריין אין חדר.

ווי שטענדיק, איז עס גאָר אַנדערש, ווי עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט.

איך בין אַריין אין אַ בית־המדרש, ווו עס איז געזעסן, אין אַ ווינקל אַ מלמד און געלערנט מיט אַ פּאָר גמרא־יינגלעך. קיינער האָט מיך נישט באַמערקט, קיינעם איז דאָ נישט אָנגע־גאַנגען, אַז ס'איז ווער אַריינגעקומען. דאָס איז געווען אַ טיף היילצערן בית־המדרש מיט פיר פענסטער אין איין וואַנט. פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג שמאָלע בית־המדרש־טישן מיט בענק; איבער זיי — פּאָליצעס מיט ספרים, וואָס די גראָע לייוונטער פונם איינבונד, זענען שוואַרץ געווען פון האלטן זיי אין די הענט. הגם דער טאָג איז אין דרויסן געווען אַ העלער, איז דאָ געשטאַנען אַ טריבע טונקלע־ניש. די אַלע פענסטער מיט געטאָפּלטע שויבן זענען געווען פאַרהאַקט. אויף זיי האָבן, פאַרבלאָנדזשעטע, ארומגעוויינט בינען געקלעטערט, געקלעטערט מיט די פיסלעך אויף די גלייכע, גלאָ־זיקע ווענטלעך, שוין געווען באַלד ביים שפּיץ און — צוריק געגעבן אַ פאַל אַראָפּ. אַזוי כסדר — געקראָכן, פאַרמשפּטע

אונטערצוגיין. אַ זויערער געשטאַנק פון אַלטע שמות און פון אַ פלעטש בײַם פּיור האָט געריסן די נאָז. אויפן עמוד האָט געברענט אַ יאָרצײַט־ליכט. און דאָס פלעמל בײַטאָג פון ווייסן ליכט האָט מיר אויסגעוויזן, ווי עס וויל אַלץ באַשײַנען, יום־טובדיק מאַכן, און עס ווערט אַזוי צוריקגעפּאַטשט פונם טאָג, פון דער טונקעלער סטעליע מיט בצלקעס, פון דער שוואַרצער פּאָדלאָגע. עס ציט זיך איין, דאָס פלעמל, און שניידט נאָך אויס אַרום זיך אַ שטיקל שײַנענדיקע ליכטיקייט.

איבערן אָרון־קודש זענען געווען אויפגעמאָלן צוויי לייבן מיט פּנימער פון מענטשן, מיט בערדלעך און פון הינטן — געדרייטע ווידלען.

מיך האָט דאָס דערמאָנט אין די גילגולים, וועגן וועלכע איך האָב מיך אָנגעהערט דערציילן, ווי אַזוי מענטשן טוען אַריין אין חיות, אין עופות.

אין בית־המדרש האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי יידן, וואָס האָבן זיך פּאַרשפּעטיקט בײַם דאַווענען. איינער מיט אַ קאַשטאַנבאָרד און מיט אַ גראָבּ פּנים, האָט זיך געדרייט אין טלית און תּפילין און האָט כּסדר איבערגעחזרט די ווערטער פון דאַווענען: „לעשות נקמה בגויִם, לעשות נקמה בגויים“, — אַזוי צו פינף זעקס מאָל יעדן פּסוק. אַ צווייטער, אַ הויכער, מיט אַ פעךשוואַרץ בערדל, האָט יעדעס מאָל בײַם דאַווענען געכאַפּט די האַנט צום שטערן, אונטערגעטופּעט מיט די פיס און געצויגן: „איי“ — — —

אַזוי האָט ער אַרויסגעשריגן פון זיך אָן אויפהער, אַז איך האָב אָנגעהויבן מורא קריגן פאַר אים. איך האָב אַהינגעוואָרפן אַ בליק צום מלמד מיט די קינדער. זיי זענען געזעסן אַן ערך אַ צען יינגלעך איינס קעגן אַנדערן; ע־טערע שוין, אין מעלאַנשענע כאַלאַטלעך, אין שוואַרצע שלייפלעך אונטער די קעלנער־

לעך פון חעמד און האָבן זיך קעגנגעשאָקלט ביים לערנען, גע־וואָרפן מיט די קעפּלעך, ווי די גראָזן אויפן פעלד, ווען עס לויפט פאַרביי אַ ווינט. זיי האָבן זיך צוגעזונגען מיטן באַ אַנטן ניגון פון דער גמרא. און דער מלמד, אַ הויכער, איז געשטאַנען אויבנאָן. ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיק פול פּנים פון אַ רויטער פאַרב; אַ רונד שוואַרץ בערדעלע מיט אַ קאַרב פון אַרונטער־שאַרן עס אונטער דער גאָמבע, ווי ס׳רוב יונגעלייט פלעגן עס טון, און פונם צוריק אַפּירוואַקסן. געגאַנגען איז ער אָנגעטון אין אַ פּאָר גרויסע ברילן אויף די אויערן, וואָס אַז איך האָב מיך איינגעקוקט אין זיי פון דער ווייטנס, האָבן מיר די גלעזער פאַרמישט די וועלט, געמאַכט זי פאַר מיר תוהו־ובוהו — אַ ווייסע צעגאָסנקייט. יעדעס מאָל פלעגט ער פאַרנאַרט אַ צעשפּרייט געבן דאָס מויל, ווי אַ מטורף, ציפן פונם בערדל, און עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ ריזיקער קאַסטן ציין.

איך האָב געזען עפּעס טונקעלעס אין אים, וואָס האָט מיך געשראָקן.

געקליידט איז ער דווקא געגאַנגען ריין און פיין: אַ סאַמעטן הויך קאַפּל אויפן קאָפּ, אַ פלושענעם שוואַרצן שלאָפ־ראָק מיט קאַרבירטע בלעטער. געשטאַנען איז ער שטיל און געהאַלטן אין האַנט אַ קאַנטשיק פון אַ קעלבערן פיסל, אַ שוואַרץ־ווייס מיט רימענדלעך אַרום. און די תלמידים האָבן גע־פּראַלט, געלאָפן ביים לערנען און איינער האָט דעם אַנדערן אַריבערגעשריגן מיט קוויטשיקע קולכלעך.

מיטאַמאָל האָט עפּעס אַ ייִנגל ביים לערנען אַ פאַרפאָר געגעבן קיין בויבעריק. דער מלמד האָט אַ לאָז געטון אויף אים דעם קאַנטשיק, אַז מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דאָס שוואַרץ־ווייסע קעלבל זאָל אַ בריקע טון מיטן פיסל אויף וועמען. דער־ביי האָט ער, דער מלמד, צוגעזונגען מיטן אייגעגעם ניגון,

וואָס דאָס יינגל: „נו, יאָ, אַז אַ נאָדל איז זיס, איז דאָך האָניק שפּיציק". די יינגלעך אַרום האָבן זיך צעלאַכט. אויך איך האָב געשמייכלט.

צוגיין האָב איך מורא געהאַט. כ'האָב געוואָלט צוריק אַהיים. דאָס דאָזיקע חדר אין דעם טיפן הויל פון בית־המדרש האָט מיך געשראָקן. אָבער—וואָס וועל איך זאָגן? וואָס וועל איך ענטפערן דעם טאַטן? איך בין מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ דאָך צו:

— דער טאַטע האָט מיך געשיקט אין חדר אַריין.

— דו ביסט לייבס? — האָט דער רבי מיך געפרעגט.

— יאָ.

— אַ גמרא האָסטו מיטגענומען?

— ניין.

— גיי אַרונטער צו נחומען — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ יינגל — וועסטו מיט אים אַריינקוקן.

איך בין אַריבער צו אַ בלייך יינגל, מיט אַ קרום נעזל, און ער האָט מיר צוגערוקט די גמרא, מחמת דער עמוד, וווּ מען האָט געלערנט, איז געווען אויף זיין זייט, און ער האָט מיר אָנגעוויזן מיטן פינגער: „דאָ האַלט מען".

איך האָב געפילט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט, ער האָט מיך געהאָלפן דאָ אויסמישן זיך מיט אַלע און מיר האָבן געשלאָסן חברשאַפט מיט די אויגן. געווען איז עס גמרא כתובות און געלערנט האָט מען „הבא על אחותו". די אומגעפינטלטע אותיות פון דער גמרא, די איינגערעמטע משנה, די גרויסע בלעטער — אַרומגעצוימט פון ביידע זייטן מיט רש"י־כתב, — דאָס אַלץ האָט מיר אָנגעזאָגט אַ זייער שטרענגע וועלט. איך בין מיטגעלאָפן מיטן טייטש מיט אַלע יינגלעך: הבא על אחותו, אַז איינער קומט צו זיין שוועסטער, או על אשת אחיו, צו ברודערס ווייב — — — געמיינט האָב איך, אַז דער איינער קומט צו זיין

שוועסטער, אָדער צום ברודערס ווייב, צוגאָסט. פאַרוואָס עס זאָל אים דערפאַר קומען כרת, אַזאַ פאַרשניטענעם סוף, האָט מיר טאַקע אַרויסגעוויזן האַרב. נאָר די גמרא איז מיר בכלל פאַרגעקומען אַ בייזע, אַ שטרענגע, ווו די תנאים שפּאַרן זיך כסדר אַרום. זאָגט דער תנא אַזוי, זאָגט דער אַנדערער פּונקט קאַפּויר און נאָך שאַרפער. און עס האָט מיך אויפן וועג אַהיים אָנגענומען אַ בענקשאַפט צום אַלטן חדר פון חומש מיט רש״י.

יענץ חדר האָט זיך געפונען אין אַ שטוב צווישן ווייב און קינד פון רבין. שטענדיק האָט מען דאָרט אַרומגעחוזקט און עס איז געווען היימלעך.

דער רבי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַן איינפאַך כאַלאַטל, מיט אַ טיכן היטל אויפן קאָפּ, געגעסן האָט ער פּראָסטע עסנס ברויט איינגעבראָקט אין באָרשט, אַ ציבעלקעלע. אַז נישט — פלעגט ער זיך אָנבראָיגען אַ פּעניצל אויף דער בלעך און איינשמירן עס מיט קנאָבל. געלערנט האָט מען פשוט: ויאמר, ער האָט געזאָגט; וידבר, ער האָט גערעדט. און אַזעלכע היימישע מעשיות פון חומש: אַברהם אָבינו, יצחק, יעקב, מיט די קינדער. איצט—שרה, רבקה, רחל ולאה. זיי זענען דאָך מיר היימישע פאָרגעקומען, ווי פעטערס מיט מומעס. אַפילו אין עשון האָב איך דאָך געזען אונזער גוייִשן שכן, וואָיטשעכן, —אַלץ אַזוי באַקאַנט.

נאָר אַ רב פּפּא׳ן, אַבּיי׳ן—האָב איך מיר נישט געקענט פאָרשטעלן. עפּעס שטרענגע יידן, וואָס פּסקענען באלד מיתה.

נאָך וואַרעמעס האָט אונז דער רבי אַרויסגעלאָזט אויפן הויף און ער האָט זיך איינער געדרייט איבערן בית-המדרש. דער הויף איז דאָ געווען אויפגעפּראַלט אין אַלע זייטן אַריין. אַ שרפה, ווייזט אויס, האָט געכוזט אַרומלעקן אַלע פלויטן און צוימען. עס זענען נאָך געבליבן פון דעם פלאַמיקן מאָלצייט שוואַרצע כזיתן — פאַרפאַלעטע דרענגער, וואָס שטעקן דאָ.

געפינען זיך טאַקע אויף דעם הויף, מיט געדרייטע שטעגלעך צוצוגיין, דאָס הילצערנע שולכל, קהלס בית־מדרש, דאָס הקדש, די מקווה.

אין דער צייט פון מיטן־טאָג, זענען די אַלע יידישע ער־טער ליידיק און עס יאָגט פון זיי אַ מורא. די יינגלעך, ביים אַרויסלאָזן זיי, גיבן אַ לויף אַריין אין די פאַרכטיקע מקומות, טועז אַ הויכן געשריי און אַנטלויפן פאַרן אייגענעם ווידערקול. זיי נעמען זיך גלייך צו זייערע שפילערייען: אין באַהעלטערלעך, אין קליפּע. איך מיט דעם בלייכן יינגל, נחום, אַ שטילער, וואָס וויל נישט אַרומלויפן, פאַרהאַלטן זיך לענגער אין שולעכל. ער ווייזט מיר אָן אויף די צוועלף מזלות, וואָס זענען אויפגעמאָלן אין דער שול: פיש, אַ לייב, וואָגשאָלן, אַ פיילנבויגן, אַ צווי־לינג א. אַ.וו. פון אַלע זייטן פירן שטעגלעך צו ליידיגע שטענ־דערס, וואָס שטייען האַלב-גופימדיק, ווי מען וואָלט אַוועקגע־שניטן פון זיי די איינגעהילטע קעפּ אין טליתים, וואָס איך פלעג שטענדיק ביי זיי זען שטיין אין שול ביים דאַוונען. דער נר־תמיד ביי דער טיר ברענט. די שייבלעך אויף דער מזרח-וואַנט זענען קאָליריקע: רויטע, גרינע, בלאָע. און ביי דער פאַרכטיקער פאַרביקייט, הויבן אָן די געמעלן אויף די ווענט אַרויסשלאָגן פאַר מיר, ווי געוויזן פון אַן אַנדערער וועלט. דאָס זענען נישט קיין פשוטע וואָגשאָלן, קיין פשוטע פיש. איך שטיי אין אַ פאַר־שטייפטן פחד, האָב מורא מיך אומצוקוקן. ווען נישט די בושה פאַר נחומען, וואָס ער שטייט מיט מיר דאָס ערשטע מאָל און ווייזט מיר דאָס אָן, וואָלט איך אַרויסגעלאָפן מיט אַ געוואַלד, אַז ס׳האַרץ וואָלט פון מיר אַרויסגעשפּרונגען. און דאָך רייסט עס מיר די אויגן פון אַלע זייטן, ווי עס וואָלטן זיך געדאַרפט אַנטפּלעקן פאַר מיר נישט-געזעענע זאַכן.

ביים פאָליש ליגט אַרומגעצוימט אַ שטויס מיט שמות,

אַלטע, פאַרגעלטע שמות. און זיי זען איצט אויס פּאַר מיר, ווי אַן אַרויסגעפליקטער בּאַרג נשמות פון ספרים, וואָס איז נאָך זיי פאַרבליבן שוואַרצע, ליידיקע טעוועלעך.

אַמשרעקלעכסטן האָט זיך מיר געוויזן אַ פאַרהאַקטע טיר אויף דער מעריב-וואַנט, וואָס האָט געפירט ערגעץ און איז איינגאַנצן באַשלאָגן געווען מיט גרויסע קעפּלעך פון שוואַרצע נעגל. די טיר איז געווען אַ הילצערנע, אַ גראָע, פון קרומע לייסטלעך צונויפגעקלאַפּט. די שוואַרצע נעגל-קעפּלעך האָבן אויסגעזען אויף איר, ווי פלעקן, וואָס שלאָגן אַרויס אויף אַ דאַר לייב נאָך גרויסע יסורים. רק עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז הינטער דער טיר מוזן זיין שרעקלעכע ווינטן און די רשעים ווערן דאָרט געשליידערט אין כּף-הקלע.

נחום האָט געזען, ווי איך קוק כּסדר צו דער טיר, האָט ער געוואָלט צוגיין זי פּרוּוון עפענען. איך האָב שוין מער נישט אויסגעהאַלטן און בין אַרויס — געטראָגן אויף דער שרעק, ווי אַ בלעטל אויפן ווינט.

אָבער נחום האָט מיך נישט געלאָזט גיין, געצויגן מיך מיט זיין שטיל קול און מיך געפירט צו קהלס בית-מדרש, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ מאָך-באַדעקט שינדל-דעכל איינגעזונקען, אַז די פענסטערלעך זענען שוין באַלד אויסגעקומען ביי דער ערד. דערנאָך האָט מען געפּרוּווט אַריינגיין אין דער מקווה. אַ שניידיקע קילקייט האָט מיך אַרומגענומען אין דעם טונקעלן שטיינערנעם קאָרידאָר און איך האָב מיך צוריקגעצויגן.

לענגער ווי אומעטום האָט מען זיך פאַרהאַלטן אין הקדש. דריי קראַנקע זענען דאָ געלעגן אין צוויי גרויסע אָפּגעשיילטע שטובן, וואָס דער קאַלך האָט געפּלאַצט אויף די ווענט, אויף די סטעליעס. עס זענען געבליבן הענגען טעצעלעך קאַלך, דאַכט זיך אויף גאָרנישט געהאַלטן און זיי זענען דאָך געהאָנגען און זיך

געדרייט, באַוויגן זיך, ווי שנייעלעך אין דער לופטן. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען בעטלעך מיט פֿרעמדע קויטיקע געלע־ געדס פּאָר אורחים, וואָס וואָגלען אַרום.

אַ קנויטל האָט געברענט אויפֿן פֿענסטער און האָט ווי אָנגעזאָגט, אַז דער טויט קוקט זיך דאָ נאָענט אַרום. און באמת — פון די דריי, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען אין די צוויי גרויסע צימערן, איז איינער געווען אַ סגי־נהור, אַן אַלטיטשקער, וואָס איז געזעסן אין אָנטועכץ אויפֿן בעט און „געקוקט" מיט די צוויי בלינדע לעכער אין די אויגן, באַזוימט אַרום מיט רוי פֿלייש. דער אַנדערער — אַ געלעמטער, איז געלעגן אין בעט מיט אַ שוואַרצער, שרייענדיקער באָרד און האָט נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. אין דער לעצטער שטוב איז געלעגן אַן אַלטיטשקע, ארומגעשטעלט מיט פֿלעשלעך רפואות.

זיי האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן באַדינען מיט אונז. איינער האָט געוואָלט אַ טרונק וואַסער, אַ צווייטער — מען זאָל אים ארויסנעמען פון דער טאָרבע אַ שטיקל ברויט. די אַלטיטשקע האָט אונז געהייסן, מען זאָל אַראָפּנעמען אַ קאָלדרע פון אַ צווייט בעטל און זי צודעקן, עס שוידערט זי. מיר זענען געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן — און מיט אזא איבערגעבנקייט, אַז איך בין גרייט געווען אַוועקצוגעבן מיינע אויגן מיט מיינע פיס. מיר וואָלטן נאָך לאַנג דאָ געווען, נאָר די יינגלעך האָבן צו אונז אַריינגעקלאַפּט אין פֿענסטער, אז דער רבי רופט לערנען.

איך האָב שוין געהאַט מיין אָרט צו זיצן, מיט נחומען. דער רבי האָט איצט גענומען לערנען מיט אונז שלחן־ערוך. די יינגלעך האָבן זיך דערפֿילט פֿרייער. דאָס פֿאַרהערט מען נישט, ווי די גמרא, דאָס לערנט מען נאָר דינים. און מען האָט דאָס נאָכגעזאָגט דעם רבין, ווי אַ קינד זאָגט נאָך אין דער פרי די ברכה. בפרט מיר, זענען די דינים געווען היימיש. פון זינט

איך האָב געדענקט, האָב איך שוין געוווּסט, וואָס אַ מענטש דאַרף טון, ווען ער שטייט אויף פון שלאָף: ער דאַרף אָנטון די רעכטע „נאָגאַווּיצע" פון די הויזן פאַר דער לינקער, ער מוז זיך אָפּגיסן נעגל־וואַסער, איידער ער שפּרייזט פיר א״לן, טאָמער נישט — קומט אים מיתה; ער טאָר נישט לאַנג ליגן אין בעט, ער זאָל נישט עובר־קריאת־שמע זיין. נאָר דער רבי, מיט זיין יעדן מאָל פאַרקרימען דאָס פּנים און מיטן האַלטן טשאַטעווענדיק דעם קאַנטשיק, האָט מיר די שטראָפן פאַרשאַרפט.

הארט פאַר מנחה־מעריב, ווען אין בית־המדרש האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן שאָטענען, ווי טונקעלע ציגנער זאָלן יעדע זאַך נאָכשפּעטן; דאָס פלעמל פונם יאָרצייט־ליכט האָט, להכעיס די שאָטנס, אָנגעהויבן פאַנאַנדערבליען זיך, האָט דער רבי אונז גענומען דערציילן מעשיות.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, געפאָרן מיט דער האַנט איבערן בערדל, פרום זיך צוגעשאָקלט. איצט האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן ביי אים דאָס שרעקעוודיקע, וואָס איך האָב אין אים געזען. מיט אַ ברייענדיקן אָטעם האָט ער אָנגעהויבן פאַר אונז דערציילן, ווי אַזוי מען שליידערט די רשעים אין גיהנום אַריין, ווי מען לייגט זייערע לייבער אויף טשוועקעס, וואָס די שפּיצן זענען אַרויף. זיי בעטן, זיי וויינען, אָבער — האָט ער אַ זעץ געטון מיטן קאַנטשיק אין טיש — קיינער הערט נישט זייער געבעט. און ער האָט אונז דערציילט פון אַ תּנאי, וואָס האָט געטראָפן איינעם גיין מיט אַ בינטל האָלץ פון וואַלד. און אַז ער האָט אים געפרעגט: ווּהין גייסטו און נאָך וואָס טראָגסטו דאָס האָלץ? — האָט ער אים געענטפערט, אַז דאָס האָלץ טראָגט ער פאַר זיך אַליין אונטערצוהייצן די קעסלען פון גיהנום, ווו ער ווערט יעדן טאָג פאַרברענט און ווערט אויפסניי געבוירן. דערנאָך האָט ער אונז דערציילט פון גילגולים, ווי אַזוי דער

מענטש ווערט מגולגל אין אַ קאַלב, אין אַן עוף, אין פרי, אַ און וואַרט אַזוי לאַנג — ביז ער באַקומט אַ תיקון דורך מאַכן אַ ברכה איבער דער זאַך.

אַזוי איז ער געזעסן, דער רבי, וואָס אַמאָל הייסער און הייסער געטריבן די רשעים. און זיינע גרויסע אויגן־גלעזער, וואָס האָבן פאַר מיר געמעקט די וועלט, זיין ברייט צעשאַרן דאָס מויל, ווי אַ מטורף, האָבן אים געמאַכט אויסזען, ווי ער וואָלט אויך געווען פון יענער וועלט און ער נעמט מיך מיט, מיט אַהין — — —

די געגנט פון חדר האָט אָנגעהויבן פאַר מיר שרעקלעך אויסוואַקסן.

די אַלע יידישע ערטער, ווו די שכינה רוט, עס ציט זיך פון זיי אַ טויער אין הימל אַריין, און זיי ליגן בייטאָג אין פאָרכטיקער שטילקייט, זענען ביי מיר שוין פאָרגעקומען ווי הייזער פון יענער וועלט, וווהין די טויטע קומען צו גיין און גייען צוריק. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר מישן די וועלט מיט יענער וועלט — ווערן איינס.

אַז איך פלעג דאַרפן אין חדר איינער אַליין אַרונטער אויפן הויף טון אַ מענטשלעך געברויך, האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז איך וועל דאָ טרעפן איינעם מיט אַ בינטל האָלץ אויף די אַקסלען, וואָס ער טראָגט עס אויף צו פאַרברענען זיך. אַז נישט — וועט צו מיר אונטערלויפן אַן עוף, אַ קאַלב. אָדער איך וועל אָנטרעפן גיין אין מקווה אַריין אַ קינפעטאָרין — לויט ווי די מאַמע האָט געהאַט פאַרציילט צווישן ווייבער — וואָס מען באַגראָבט זי מיט די געבליטן און זי קומט זיך רייניקן נאָכן טויט. האָב איך נישט באַגעגנט קיין לייט פון יענער וועלט, — האָבן מאַנכע לעבעדיקע מיר אויסגעוויזן, אַז זיי געהערן דאָרט אַהין.

אין בית-המדרש אַריין פלעגט טראָגן וואסער אַן אַלט גויעלע. סיי ווינטער, סיי זומער, איז ער געגאַנגען אָנגעטון אין אַ פוטערנער קוטשמע אויפן קאָפּ. די שפּענצער-הויזן, וואָס ער האָט געטראָגן, זענען געווען מיט לאַטעס, אַז מען האָט נישט דערקענט, וועלכעס איז דאָס ערשטע געוואַנט. און קאָלירן זענען זיי געווען, די לאַטעס: רויטע, בלאָע, ווייסע, ווי די אַריינגעזעצטע שייבלעך, וועלכע דאַרפן געבן פאַרשידענע צייכנס. ער איז שוין געווען גאָר אַן אַלטיטשקער, געגאַנגען איינגעבויגן, אפילו ווען ער פלעגט אַראָפּלאָזן פון די אַקסלען די שאָנדעס מיט די צוויי וויאַדרעס וואַסער. דאָס פּנים איז געווען איינגעשרומפּן, ווי אַ קריזקע, וואָס מען ציט אויף אויף אַ פאָדעם נאָר די אויגן האָבן נאָך געהאַט אַ בלאָען גלאַנץ און די וואָנסעס מיט די האָר האָבן קלאָר און ווייסיטשקע אַראָפּגערונען פון אים, ווי מילך אין שקאָפּעק אַריין.

דאָס גויעלע איז אַרומגעגאַנגען אויף דער וועלט מיט אַ ברכה פון רבין רב בער, אַז ער וועט לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר.

די יידן אין בית-המדרש האָבן ליב געהאַט אים איבערצופרעגן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. דאָס גויעלע איז געשטאַנען אין דער מיט בית-מדרש, צענומען די צוויי פיס, די הענט אַראָפּגעלאָזט ווי די שאָנדעס פון אַקסל ביים טראָגן דאָס וואסער, און מיט די גרויסע ציין, וואָס קיין איינער האָט אים נאָך נישט געפעלט, האָט ער גענומען קייען די מעשה:

„געווען איז דאָס אַזוי: דער ראַבי'ן איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אויף אַ פור, זענען אים אויפן וועג אַקעגן „קולאווע" און בלינדע, און מאַמעס מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט, אַלע האָבן זיי געשריגן: ראַבי, זליטוי שיע, דערבאַרעם זיך אויף אונז. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער, אַ

געזונטער און — ווייזט ער איצט ביים רעדן — האָב אַ שטעל אויף געגעבן די עלנבויגנס, איינס און צוויי, מיך דורכגעשטופּט דורך אַלע זשידקעס און האָב אָנגעהויבן דעם רבין קושן אין די הענט אריין: „ראבי, „בלאָגאָסלאָוויע״ מיך אויך״. דער רבי האָט מיר אַ שטופּ געגעבן מיט דער האַנט אין צאָפּע: „אַזשעביש טי זשיל סטאָ דוואַדזשיעשטשאַ לַ.ט״ (זאָלסט לעבן הונדערט און צוואנציק יאָר). הונדערט און ניין יאָר בין איך שוין אַלט. נאָך עלף יאָר״.

די יידן אַרום האָבן שטענדיק, ביים דערציילן, באַקומען שיינענדיקע אויגן, ווי מען וואָלט געוועז אַריינגעדרייט אַ ליכט. און דאָס יונגוואַרג האָט אָנגעהויבן שרייען: „ווינצענטי, טאַנץ „אין כּאלהינו״. דאָס האָבן אים די יינגלעך פון בית־המדרש אויסגעלערנט, ער זאָל טאַנצן און זינגען „אין כּלאהינו״.

דאָס גויעלע האָט אין זיינע פרעמדע פּאַרבן אין בית־המדרש, מיט דער צאָפּע אויפן קאָפּ, גענומען שטעלן די פיס אויף איין אָרט, ווי אַ קינד, וואָס הויבט ערשט אָן גיין; די הענט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט און זיך צוגעזונגען: „איין קעלע־קייני, איין קעדענייני״.

אַזוי האָט ער זיך געדרייט און געזונגען אין בית־המדרש, די יידן זענען געשטאַנען ארום און איך האָב באַשיינפּערלעך געזען, ווי גרויס דער יידישער גאָט איז.

אָבער דאָס גויעלע, וואָס האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אויף דער וועלט צוליב אַ ברכה, האָט מיר אויסגעוויזן קיין נישט־דאָאיקער, ער וואָלט דאָך שוין דאָרט געווען, ער ווייס אפילו געננוי וועלכעס יאָר ער וועט זיך אָפּשיידן פון אונז. אַז איך האָב אים געטראָפן גיין מיט די צוויי וויאַדרעס וואַסער פון מאַרק־ברונעם, בין איך אים שטילערהייט נאָכגעקראָכן, ווי ער זאָל קומען פון יענער וועלט.

מזמור

לאנג בין איך אַזוי נאָכגעגאַנגען זיינע דראָבנע, אַלטע טריט, ביז איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אין אַ צווייטן.

געווען איז דאָס אַ ייִד שמאָל און שפּיציק.

דער מח־שאַרבן איז ביי אים געווען אַרויפגעפּלאַטשט און שפּיציק זיך געצויגן אין דער פאָרם פון אַ היטל־צוקער.

קעגנאיבער דעם שיפן שטערן איז אַרויסגעפאַלן אַ קאַנטיקע נאָז, ווי אַ קליינגל פון אַ מעסער אַרויס. די אויגן, שוואַרצע, האָבן שפּיזיק ארויסגעפּייערט פון אַ גריבלדיק, לענגלעך פּנים. און דאָס בערדל, ווי די גאַנצע פיגור: לאַנג און שמאָל, ווי אַ פלעדערוויש.

ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַראָפּ פון אַ שאַרפשטיין, ווו מען האָט אים צוגעפיילט און פאַרשפּיצט.

גערופן האָט מען אים „חיימל היסער". ער פלעגט טאַקע שטענדיק גיין — קכע, קכע, קכע און אויסשפּייען אַ שטיק פלעגמע.

זומער, ווען די היץ האָט געברענט, איז ער ארויסגעקומען אין גאַס אריין אין אַ וואַטאָווע יופּעצע, מיט אַ שאַליק ארומגעבונדן דעם האַלז, ווי ער זאָל קומען פון אַן אַנדערע מדינה אָדער פון ים הקרח.

וועגן דעם „חיימל היסער" האָט מען דערציילט, אַז ער איז שוין געהאַט געווען טויט, ליכט האָבן געברענט, נאָר דאָס ווייב מיט די אַכט קינדער האָבן געמאַכט אַזעלכע יעלות, אַז זיי האָבן אים דערופן, ער האָט צוריק אויפגעמאַכט די אויגן.

דאָס וואָס ער איז שוין געהאַט געווען טויט און דרייט זיך ארום צווישן די לעבעדיקע, האָט מיך צו אים געצויגן. איך בין אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ הונט, וואָס דערשנאַפּט ביי וועמען פלייש. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביים אָפּהוסטן, האָב איך אונטערגעוואַרט. ער פלעגט מיך אָפּט באַמערקן, ווי איך צי אים נאָך און ער האָט מיך געטריבן פון

זיך: „אַוועק, דו לאָבוז, דו אַכבעראָשניק". איך האָב דערווי־טערט דעם מרחק צווישן אונז און בין אים ווייטער נאָכגעגאַנגען.

זיין וועג האָב איך שוין געוווסט. ער איז צוגעגאַנגען ביז צום גרויסן קלאָץ, וואָס איז געלעגן אין מיטן מאַרק ביים ברונעם און זיך אַנידערגעזעצט וואַרעמען אויף דער זון. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויפן אַנדערן ברעג פון קלאָץ און האָב פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. געזעסן איז ער אומבאַ־וועגלעך, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַלטן און מיט די פּעקיקע אויגן געקוקט אין זיך אַריין. איך האָב אַזוי געוואָלט נאָכגיין זיין בליק, וואָס ער איז געווען פאַרטראַכט אויף אים, כאָטש נעם און שפּרינג אים אַרונטער אונטערן מוח.

לאַנג פלעג איך אַזוי זיצן מיט אים, ביז איך האָב געמוזט אַהיימלויפן עסן, אָדער אין חדר אַריין.

מיטאַמאָל האָב איך אויפגעהערט נאָכלויפן פרעמדע מענטשן־
אַ שרעק, אַן אומבאַוווסטע, האָב איך אָנגעהויבן טראָגן אין מיר גופא.

די מאַמע איז אין אַן אָוונט געזעסן מיט אַ פּאָר שכנטעס און האָבן גערעדט וועגן ווייבערישע זאַכן: וועגן טראָגן און האָבן.

געזעסן זענען זיי, דאָס קרענצל פון פינף ווייבער, אַני־דערגעקאַטשעט ביי דער קיך אויף פּיס־בענקעלעך, אויף קלעצ־לעך אונטערגעשפּאַרט, און האָבן גערעדט אין דער שטיל, מחמת דער טאַטע איז געזעסן ביים טיש און האָט געלערנט.

זיי פלעגן זיך פון צייט צו צייט איבערקוקן מיט שמייכלני־דיקע, צעלאָזענע בליקן און פאַרהאַלטן אַ פאַרשטיקט געלעכ־טערל. מיטאַמאָל זענען זיי געוואָרן ערנסט, צעשראָקן, ווי פּאַר אַ געפאַר, וואָס זאָל דראָען.

מיר איז נייגעריק געוואָרן זייערע פאַרשטיקטע שעפּטשע־

רייען און האָבֿ זיך אַנידערגעשטעלט אין אַ ווינקל מיך צו האָרכן. די הויכע לאה האָט געהאַלטן אין דערציילן, ווי איר אַלטער ווערט מיטאַמאָל משוגע, ברענגט איר מתנות און וואָלט איר דערלאַנגט דאָס טעלערל פון הימל. וואָס זי וואָלט זיך געווונטשן, קען זי ביי אים דעמאָלט אויסנעמען.

צומאָרגנס איז ער דער אייגענער הונט, וואָס ער איז געווען, שעלט זי מיט טויטע קללות און טיילט איר אָפּ יעדן גראָשן.

די ווייבער האָבן זיך אָנגעקוקט האַלב לאַכנדיק און האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

דערנאָך האָט חיה די קאָוואַלקע דערציילט פון אַ מפּלינג: ווי אַזוי זי איז אַרויף אויפן בוידעם מיט אַ זוידע נאַס גרעט און האָט שוין אויף דער לייטער געשפּירט, אַז די בראָך איז פאַרטיק. מען האָט זי גלייך געמוזט אַראָפּנעמען און זי איז אָפּגעלעגן אַ האַלבן ווינטער אין בעט. „וואָס אַ זינדיקע נקבה איז נעבאַך" — האָט זי כסדר געוואָרפן מיטן דאַרן קעפּל; די ווייבער אַרום — מיטגעשאָקלט זיך, ווי אַ בייזער ווינט וואָלט זיך צווישן זיי אַריינגעכאַפּט.

דאָ הויבט פּלוצלונג אָן די מאַמע דערציילן, אַז ווען זי איז געגאַנגען טבילה מיט מיר, האָט זי אויפן וועג אַהיים אָנגעטראָפן אַ שוואַרצן, קודלאַטן הונט, וואָס האָט שרעקלעך אויף איר געבילן. זי האָט זיך אויסגעקערעוועט און צוריק געגאַנגען נאָך אַמאָל זיך טובל זיין, נאָר די מקווה איז שוין געווען געשלאָסן. די גאַנצע צייט פון טראָגן מיט מיר, איז איר ס'האַרץ געווען באַשווערט. איך בין אַרומגעשפּרונגען אין בויך, ווי אַ פיש אין וואַסער. זי האָט נאָר מורא געהאַט, גאָט דער לעבעדיקער ווייס, וואָס זי טראָגט אונטערן האַרץ.

געפאַלן אויף דער וועלט בין איך מיט אַזעלכע יעלות, אַז

די „באָבע" האָט זיך דערשראָקן. „ס'איז אַ טייוול — האָט זי אַ זאָג געטון — נישט קיין קינד".

אַ פעליק יאָר האָב איך אַזוי אָפּגעוווינט, געהאַט די „פלאַטשקעס". נישט געווען די זאַך, מיט וואָס מען האָט מיך געקענט איינגעמען. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, וואָס זי איז געזעסן ביי מיין וויגל און מיך געשאָקלט, האָט זי נאָר גערעדט צו זיך: „אוי, דער שוואַרצער הונט, דער שוואַרצער הונט". איך בין טאַקע געוואַקסן אַ שלעכט קינד, אַן עקשן, אַ פאַר־ביסענער, ביי אַ ליאַדע־וואָס, באַלד ברוגז געוואָרן. „כ'בין מיך שוין מיט אים גוט אויסגעשטאַנען" — האָט די מאַמע גע־שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ.

די ווייבער, באַמערקנדיק מיך שטיין אין ווינקל און צו־האָרכן זיך, האָבן מיך אַריינגעכאַפּט אין קרענצל אַריין און האָבן מיך גענומען דרייען אין אַלע זייטן: „נו, שלמה, עסט נאָך ווייגען? עסט נאָך אָנטון צער טאַטע־מאַמע? עסט זיך נאָך לאָזן אָנרעדן פון שוואַרצן הונט?

איך האָב זיך געלאָזט דרייען פון זיי און מיר אַריינזאָגן מוסר, הגם אַן אנדערש מאָל וואָלט איך מיך געווען אָוועקגע־ריסן. איך האָב מיך פאַרשעמט מיט מיין פאַרדראָסיק געפיל און האָב פאַר ליב גענומען זייערע שטראָף־רייד. ווער ווייס ווער עס קישעט מיך אונטער צו דער בייזקייט?

איבערן וועג אין חדר אַריין פלעג איך מיך אָנהויבן צו־האָרכן צי עס רופט זיך נישט ווער אָן אין מיר. איך פלעג מיך אָנשפּיצן, אַז ס'האַרץ האָט אין מיר אָנגעהויבן פויקן. פאַר שרעק פלעג איך אָנהויבן לויפן צווישן מענטשן, נישט צו זיין מיט מיר.

אין חדר האָב איך אָנגעהויבן פרומער צו לערנען. כ'האָב

מיך געשאָקלט און געוואָרפן אין אַלע זייטן, כדי מיך צו פאַר־באַמבלען, נישט וויסן וואָס מיט מיר טוט זיך.

דאָס אייגענע איז געווען ביים דאַווענען. כ׳האָב מיך אויף ס׳כוח געוואָלט נאָכהענגען דעם טייטש פון די ווערטער, כדי איך זאָל נישט אַריינקלערן אין זיך.

דווקא האָט מיך געצויגן צו וויסן ווער עס זיצט אין מיר, ווער עס רעדט מיך אָן צו אַלעם. איך פלעג, פונקט ווי די עלטערע יידן, נעמען דעם שטערן אין דער האַנט אַריין און שאָקלען זיך, פאַרקרומען ס׳פּנים און וועלן אין געדאַנק עפּעס אויסגעפונען. נאָר דער שוואַרצער, קודלאַטער הונט, וואָס איך האָב אַזאַ אייגעם געזען ליגן ביי אַ חזיר-געוועלב, פלעגט זיך מיר אומעטום שטעלן אויפן וועג און בילן: האַו, האַו, האַו! און האָט מיך אין ערגעץ נישט דערלאָזט.

איינמאָל בין איך אַהיימגעקומען פון חדר און האָב מיר גענומען אויסביטן ביי דער מאַמען: ברויט מיט שמאַלץ, ברויט מיט פאָווידלע. אין שטוב איז אָבער מער נישט געווען ווי הע־רינג. און די מאַמע האָט מיך געבעטן און מיר קעגנגעטראָגן דאָס ברויט מיטן הערינג: „נעם, עס, ס׳איז אַן אוליק, לוי־טער שמאַלץ״.

איך האָב גענומען טופען מיט די פיס: „כ׳וויל נישט קיין הערינג, כ׳דאַרף נישט קיין הערינג״.

די מאַמע האָט מיך אַליין געוואָלט איינגעמען און האָט מיר דאָס ברויט געשטופּט אין דער האַנט אַריין. איך האָב עס אַ נעם געטון און אַוועקגעשמיסן.

די מאַמע האָט זיך שטאַרק צעוויינט: „ס׳זאָל מיר נאָר נישט געריכנט ווערן. מיט ברויט וואַרפט מען זיך? דו שלעכ־טער הונט, דו!״

מיך האָט אַרומגענומען אַ שטאַרקע חרטה. כ׳בין גרייט

געוועזן צו לאָזן טון מיט מיר דאָס ערגסטע, מען זאָל פּאַסעווען מיין לייב.

די מאַמע, ווי אויף להכעיס, האָט מיר גאָרנישט געטון. זי האָט אויפגעהויבן דאָס שטיקל ברויט, עס אָפּגעבלאָזן, אויסגע־גלעט פון אויבן, ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיקע זאַך וואָס עס קען עס ווייטון. דאָס צווזעענדיק, האָב איך ערשט געפילט ווי שלעכט איך בין, אַז אין מיר איז זיכער פאַראַן אַ טייוול, וואָס קישעט מיך אונטער צו כּלערליי להכעיסן, צו אַלעם שלעכטס.

איך האָב אין דער שטיל אין זין געהאַט צוצולויפן צו דער מאַמען און מיך אַוועקלייגן פאַר איר: „נעם, שלאָג מיך". נאָר איך האָב דאָס נישט געקענט פועלן ביי זיך. איך האָב מיך שטיל צוגעשאַרט צום טיש און גענומען דאָס שטיקל ברויט, וואָס די מאמע האָט עס געהאַט אָפּגערייניקט, צוגעגעסן מיטן שטיקל הערינג. איך האָב געמיינט מיט דעם איבערצובעטן. ביים שלינגען עס, האָב איך טאַקע געפילט אַ געגעזונג, ווי איך וואָלט דערמיט געברענגט אַ קרבן פאַר גאָט. ס'האַרץ איז מיר ווייך געוואָרן, ווי וואַקס ביים פייער, כ'האָב געמיינט ס'וועט מיר צעגיין פאַר גוטסקייט. איך האָב גענומען אַ צווייער, וואָס איך האָב אים געהאַט איינגעבונדן אין אַן עק פון העמד און האָב אים אַריינגעוואָרפן אין צדקהלע פון מאיר בעל־הנס, וואָס איז געהאָנגען ביי אונז אויף דער טיר. די מאַמע האָט דערהערט דעם קלאַנג פון דער מטבעה, האָט זי אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און געזאָגט:

— מיין לאַכטיק קינד, דו האָסט דאָך מיין אָדער, האָסט דיך נעבעך געפילט זינדיק.

איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן די גוטע רייד צו מיר און בין אַרויס פון שטוב.

געלאָפן בין איך צום אַלטן אהרלע, אַ זקן, וואָס האָט

זיך שוין נישט געקאָנט רירן און איז געלעגן צו בעט אין זיין הילצערן איינגעפאַלן הייזל. ווער עס האָט נישט געזאָלט פאַר־בייגיין פאַר זיין כאַטקע, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער קוזשניע, איז אַריין געבן אַ קוק וואָס דער אַלטיטשקער מאַכט.

ער איז געלעגן אויף זיין בעטל אַ קליינטשיטשקער, אַן איינגעשרומפּענער. דאָס גראָע בערדל איז ביי אים געווען שי־טער, ס'האָט געהאַלטן אין אויסקריכן. קיין צאָן אין מויל האָט ער שוין נישט געהאַט. דאָס פּנים — צונויפגעצויגן און מיט אַ קרייסלדיקע שטימע גערעדט, אַז ס'האָט זיך עפּעס אויסגע־דאַכט, דאָס ער גייט צוריק ווערן אַ קינד.

קיינעם האָט ער נישט געהאַט, די קינדער זענען זיך צעפאָרן, דאָס ווייב — געשטאָרבן. ווער ס'האָט זיך געוואָלט „קויפן אַ מצווה", איז אַריין און האָט אים עפּעס דערלאַנגט, אַוועקגעטראָגן פון אים.

אין געסל זענען שוין געווען ווייבער, וועלכע האָבן אים אויסגעוואַשן אַ העמד, געבערענגט אַ ביסל געקעכטס, ווינטער — אונטערגעהייצט דאָס קעכל.

עפּעס איז דאָס נידריקע הייזל געוואָרן אין דער געגנט, ווי אַמאָל אַ מזבח, וווהין מען איז געגאַנגען אויסקויפן זיך פון אַ זינד, געווינען עולם־הבא. אַהער בין איך געלאָפן און מיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל פון שטיבל, צו צוואַנטן, אפשר וועט עפּעס דער אַלטיטשקער מיך ברויכן.

ער איז געלעגן אויפן בעטל, צוגעשלאָסן די אויגן.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, דאָס ער שלאָפט.

ער איז אָבער געלעגן וואַך און האָט אין אַ היפּשע ווײַלע אַרום אָנגעהויבן אַרויסקרייסלען:

— ווער איז דאָ אין שטוב, אַ מאַנספּאַרשוין?

איך האָב אים געענטפערט, אַז יאָ.

— טאָ דערלאַנג מיר אַהער די כּלי פון אונטערן בעט

איך האָב אים געהאָלפן אַרויפזעצן און בין די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַ געפיל פון גרויס אָפּקומעניש. איך וואָלט דאָס מיך אַן אַנדערט מאָל געווען געמיאוסט, דאָס עסן אַוודאי צוריקגעגעבן. איצט האָב איך עס פאַר ליב גענומען און בין אַרונטער דערמיט אויפן הויף, אומישנע נישט צוהאַלטנדיק די נאָז. ערשט איצט האָב איך זיך געפילט אַ באַרויִקטער.

אַ סך מאָל פלעגט די שטילע געגנט פון אַרום חדר אויפגעריסן ווערן פון געהאַלישע געוויינען.

דאָס זענען מיטאַמאָל אַריין אויפן שטילן הויף אַ פּאָר ווייבער מיט ליכט אין די הענט.

זיי זענען אַהערגעקומען צו די הייליקע ערטער איינרייסן פאַר אַ געווינערין, וואָס איז שוין אַ פּאָר טעג געגאַנגען צום קינד, אדער פאַר אַ שווער קראַנקן, וואָס דער דאָקטאָר אַליין האָט שוין איבער אים אַ מאַך געגעבן מיט די הענט צום הימל.

די געוויינען פון אַזאַ קרענצל ווייבער, וואָס האָבן געדאַרפן שפּאַלטן די הימלען, זענען פאַר מיר אַ צייט געבליבן שטעקן אין חלל, ווי קלינגענדיקע גלעקער.

זיי פלעגן נישט אָפּטרעטן פון פאַר מיינע אויגן, די ווייבער, ווי זיי זענען געלאָפן מיט די פאַטשיילעס איבער די קעפּ, די פּנימער געוואַשן אין טרערן, די הענט אויסגעשטרעקט צום הימל און געוואָלט אַרויסרייסן אַ מענטש פון מלאך־המות, וואָס ער שטייט שוין איבער אים מיט זיין אויסגעשטרעקטן חלף.

אין בית־המדרש, ווו מיר האָבן געלערנט, פלעגן די יינגלעך אין אַזאַ טאָג זיין ערנסט, שאָקלען זיך שטאַרקער ביים לערנען און נישט אַרומגעוואָיוועט אַפילו, ווען דער רבי האָט אונז אַרויסגעלאָזט אויפן הויף.

מיר האָבן געפּילט, אַז דער משחית איז דאָ אין שטאָט. אַמאָל אין אַזאַ טאָג, ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען אויף וואַרע־מעס, האָב איך אָנגעטראָפן הינטער דער קוזשניע צוויי הינט, וואָס זענען געלעגן איינער אויפן אַנדערן און זיך געביסן.

איצט האָב איך שוין באַשיינפּערלעך געזען, אַז דער מלאך־המות איז אין שטאָט.

איך בין געלאָפן אַהיים, מורא געהאַט מיך אומצוקוקן. עפּעס האָט מיר אין האַלז אָנגעהויבן שטיקן, ענג ווערן, ווי מען זאָל אים נאָר דאַרפן אויפשניידן.

אין דער היים האָב איך גאָרנישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. די מאַמע האָט מיר יעדעס מאָל צוגעטון די קאַלטע דלאָניע פון האַנט צום הייסן שטערן און האָט מיך נישט גע־לאָזט צוריק גיין אין חדר.

די נעכט פלעגן זיך פאַר מיר דעמאָלט אַראָפּלאָזן פול מיט אַנגסט. די וועלט איז געוואָרן אַרומגענומען מיט אַ שוואַר־צער איינהיל, וואָס אונטער איר טוען זיך אָן שרעקלעכע זאַכן. נאָר עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז מען שטייט אין אַלע ווינ־קעלעך און מען לויערט אויפן מענטש. איך פלעג מורא האָבן אַליין אַרויסצושפּרייזן איבער דער שוועל און אַפילו צו קוקן אין שוואַרצן פענסטערל פון דער נאַכט, עס זאָל זיך מיר נישט אַ ווייז געבן אַ נישט־גוטס. די מאַמע, אַז זי פלעגט דאַרפן גיין אויסגיסן אַ פּאָמעשאַף אויפן הויף, איז זי אויך נישט גע־גאַנגען אַליין. זי פלעגט מיך מיטרופן.

זי האָט זיך צוערשט אַרומגעשטעקט אַ פאַרטוך, איך האָב מיר באַקוקט די ציצית. אַז מיר זענען צוגעקומען צום אָרט, ווו מען האָט געדאַרפט אויסגיסן דאָס שאַף, האָט די מאַמע זיך אָפּגעשטעלט און האָט דריי מאָל אויסגערופן אויפן קול: „גייטס אַוועק, גייטס אַוועק, גייטס אַוועק“.

איך בין געשטאַנען אַרומגענומען מיט דער פינסטערניש, ווי מיט אַ שוואַרצער נעץ, און וועלכער איך קען ערגעץ פאַר־כאַפּט ווערן און פאַרפאַלן בלייבן.

מיטן ליידיקן פאַמעשאַף האָבן מיר הינטער זיך אַ פאַר־קלאַפּ געגעבן די טיר מיט אַ געלעכטער, ווי מען נאַרט זיך פון וועמען אַרויס.

אין שטוב האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז מען דאַרף „יענע לייט" הייסן אַוועקגיין, מען זאָל נישט אַרויפגיסן אויף זיי קיין אומריינקייט. און אַז ביי זיי האָט אַ שוסטערקע אַרויס־געגאָסן אַ פאַמעשאַף ביינאַכט און האָט „זיי" גאַרנישט אָנגע־זאָגט, זענען „זיי" געקומען אין מיטן דער נאַכט און האָבן אָפּ־געשניטן די שפּיצן פון אַלע שטיוול, וואָס זענען געהאָנגען אין שטוב אויפן מאַרק־טאָג.

אַזוי איז יעדער טריט אין דער נאַכט באַשטעלט געווען מיט סודותדיקע שרעקעוודיקייט.

אַפילו בייטאָג, ווען איך פלעג גיין אַליין, בעת די זון האָט געשיינט, האָב איך שוין געהאַט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער ליכטיקייט, מיט אַלע באַשיינפערלעכע געגנשטאַנדן, מיט וועלכע איך האָב מיך אָנגעטראָפן אונטער איר. עפּעס איז עס דאָך נישט קיין באַשטענדיקטס, דאָס ליכט. אָפט לויפן אָן דע־רויף שוואַרצע וואָלקנס, וואָס פאַרטונקלען אַלץ און שפּרייטן אויס שאָטנעס — פינסטערע געשטאַלטן — פון יעדער זאַך. אונטער איר, דער ליכטיקייט, ליגט שוין פאַרגעברייט אַ פינ־סטערניש, ווי אַ צווייטע פאַרהאַנג, וואָס וועט זיך צו דער באַ־שטימטער מינוט, ווי דורך אַ צי מיט אַ שנור, אַ צעשפּרייט געבן איבער דער וועלט. ווידער וועט אַלץ אַרומגענומען ווערן מיט טונקעלער סודותדיקייט.

דאָך איז געווען אַ צייט אין דער וואָך, ווען די שרע

קעוודיקייט איז פון אַלעם אָפּגעטון געוואָרן. דאָס איז געווען פּרייטיק נאָך צוועלף. איך האָב דעמאָלט געפילט, ווי די מורא צעגייט.

די שול אויפן הויף פון חדר איז געוואָרן אויפגעפּראַלט. מרדכי שמש, אַ יידל מיט גראָע, שטייפע פּאות, ווי שטיקלעך מעטאַל, האָט זי אויסגעקערט, אַרומגעשמעקט די הענגלייכטער מיט ליכטלעך; גרייט געמאַכט די שול לכבוד שבת, ווען זי וועט זיך געבן אַ צעלייכט, ווי דאָס בית־המקדש.

פון דער מקווה פלעגט ווערן אַ געגייערייַ אַריין און אַרויס. יידן מיט אויסגעוואַשענע בערד און צעפּייערטע פּנימער פלעגן פון דאַנען איצט אַהיימקערן. אין הקדש האָט מען פון בעל־הבתישע שטובן אָנגעהויבן אַריינשיקן פון די שבתדיקע מאכלים פאַר די קראַנקע.

דער שול־הויף האָט זיך גענומען גרייטן צום שבת, צו געזאַנג, צו ליכטיקייט, צו סעודות.

די מזיקים און שדים האָבן נישט קיין שליטה אויפן מענטש.

אַ שבתדיקער פרידן הויבט זיך אָן אויסשפּרייטן אויף דער וועלט. אין חדר איז איצט גאָר היימלעך געוואָרן. מען האָט נישט געלערנט קיין גמרא, איצט האָט מען גענומען די חומשים און מען האָט מעביר געווען די סדרה.

יעדעס יינגל האָט זיך אונטערגעזונגען מיטן טראָפּ די סדרה, געציקלט זיך ביים פּזר, קעגנגעשפּרונגען זיך ביים מהפך פשטא. אַזוי האָט מען זיך דורכגעשפּאַצירט מיט געזאַנג איין פּרשה נאָך דער אַנדערער.

היינט די מעשיות און די טרייסט־ווערטער פון דער הפטורה, ווי גרויס און ווי מעכטיק מיר, יידן, וועלן זיין. קעניגן וועלן זיך פאַר אונז בוקן, פּרינצעסינס וועלן אונזערע אַמען זיין.

ביי דער געלעגנהייט פלעגט דער רבי אונז דערציילן מעשיות פון משיחן, פון תחית-המתים, וועגן דער בריק פון שפינוועבס און דער בריק פון אייזן. און האָט אונז געבראַכט אַ רמז פון אַ ספר, אַז דאָס יאָר, תרס״ו, דאַרף ער טאַקע קומען, משיח.

איך בין איצט אַהיימגעלאָפן פריי, פריי פון חדר, פריי פון מורא, אויפגעבונדן פאַר מיר געוואָרן די וועלט, יענע וועלט, כאָטש זיך צו לאָזן אויף שפינוועבס און איך וועל זיך האַלטן פעסט.

ח.

דער פֿרײלעכער שני

דער שפּעט-זומער האָט הײ־יאָר בײַ אונז פֿאַרשמעקט די שטוב. די מאַמע האָט געפּרעגלט בוראַקעס, פֿלוימען — געמאַכט פּאָווידלעס אויפֿן ווינטער.

אין שטוב זענען אויפֿגעגאַנגען ריחות פֿון געדעמפּטע פּרוכט, געפּרעכטע אין צוקער, וואָס האָבן אַלץ אײַנגעהילט אין נגידישאַפֿט.

די אָפּגעפּוצטע מעשענע לײַכטערלעך, דאָס חנוכּה-לעמפּל און דער שפּיגל אויף דער וואַנט, זענען געוואָרן פֿאַרלאָפֿן מיט דער שמעקעדיקער פּאַרע און האָבן באַקומען אַ פֿערלדיקע מאַטקייט, ווי די בלומען נאָך טוי. זיי האָבן זיך אין זייער פֿאַרהויכטקייט געוויזן ווי פֿאַרהילטע, וואָס דאַרפֿן ערשטע אַנט־פּלעקן זייער פּראַכט.

דערצו נאָך האָט די מאַמע געקויפֿט אַ קערץ באַרנעס, וואָס האָבן זיך געדאַרפֿט אויסליגן אין שטרוי. די באַרנעס האָבן געלאָזן פֿון זיך גערוכן, וואָס האָבן אין דמיון אַרויסגערופֿן בײַ מיר, צעזייעטע אין דער לופֿטן.

נאָך אַ פּאָר וואָכן ליגן ביי אונז אין שטרוי, זענען טאַקע די הארטע בארנעס געוואָרן ראָזשינקעס, וואָס האָבן פאַרגאָסן דאָס מויל מיט וויין.

איך פלעג ביי יעדן מאָל גיין אין חדר אַריין מיטקריגן פון דער מאַמען אַזאַ באַרנע מיט ברויט.

פון די באַרנעס האָב איך געפילט אַ דערקוויקונג אין די ביינער, זיי האָבן מיר אויסגעשטייפט מיינע ווייכעטשקע אברים, איך האָב מיך דערפילט פעסטער; כ׳האָב פשוט געקענט אָנטאַפּן ווי איך וואַקס אין דער לענג און אין דער ברייט. די אויגן זענען מיר געוואָרן איבערגעצויגן מיט אַ לייכטנדיקער שיין, איך האָב אָנגעהויבן קוקן מיט פייער. און די שכנטעס האָבן געזאָגט צו דער מאַמען: „קיין שום עין־הרע־נישט, ווי איהנס שלמה האָט זיך פאַפראַוועט, אַ יינג, זי מעגן זיך שוין פאַר אים אומזען אַ שידוך״.

מיר פלעגט דאָס בלוט קומען אין פּנים אַריין, הערנדיק דאָס, בפרט אַז עס פלעגט שטיין דערביי בלימעלע, אונזער שכנטע. זי איז אונטער דער צייט געוואָרן אויסגערונדיקט, באַלייבט. דער באָרדאָ־געבלימלטער שלאַפראָק האָט זיך ביי איר פון פאָרנט געצויגן הייבן העכער, העכער. די פיס זענען געוואָרן צעצויגענער ביים גיין. די אויגן — אָפענע, האָבן פריי געקוקט, ווי אַ לויטערער שפּיגל. און מיר פלעגט אַ וואַרימקייט שלאָגן צום האַרץ, ווען איך האָב זי דערזען. פון די נעפּלדיקע בילדער, וואָס זי האָט ביי מיר אַמאָל אַרויסגערופן, האָב איך זי איצט געזען, ווי אַ זאַך, וואָס גיט געניוס, הנאה. אַז די נאַכט פלעגט צופאַלן אויף אונזער הויף און איך האָב זי געזען אַריינגיין צו זיך מיטן מאַן און צושליסן די טיר, האָט עפּעס אין דער לופט אָנגעהויבן כוואַלען אַ וואַרימער שטרם. איך פלעג גיין איבערן לאַנגן קאָרידאָר, ווו איר טיר איז אַרויס־

געגאַנגען און האָב געצויגן מיט די נאָז־לעכער עפּעס צו דער־שפּירן, עפּעס אויפצוכאַפּן.

אַז איך האָב זי נאָך אַזאַ נאַכט געזען אינדערפרי גיין איינקויפן אין געוועלבל אַריין, האָב איך אַוועקגענומען די אויגן פון איר זייט. אָבער זי איז זיך גאָר געגאַנגען פריי, געקוקט גלייך מיט די אויגן, ווי עס וואָלט גאָר קיין אויסטערלישעס נישט געשען.

נאָך מער פלעגט מיך טרייבן אין איר שטיבל אַריין, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ווינטן. דער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט כמאַרעס, ווי עפּעס שוואַרצע בערן, וואָס האָבן זיך כסדר געיאָגט איבער אים, אויסגעשטרעקט קאַלטענעוואַטע קעפּ און איינער דעם אַנדערן זיך פאַרשלינגען.

ווינטן, בייזע, זענען אַרומגעלאָפן איבערן סאָד און גע־פליקט די ביימער ביי די קעפּ, ווי די שטיפמוטערס „זייערע" קינדער ביים קעמען.

איבערן הויף פלעגן זיי, די ווינטן, אַ צעלאָז זיך אויף געבן און האָבן מיט זייערע פּאָלעס געפּאַטשט איבער די שויבן און זיי געריסן פון די שוואַך פאַרקיטעוועטע רעמלעך; די לאָדנדלעך — צו־און־אויפגעמאַכט. און אַלץ וואָס זיי האָבן גע־כאַפּט: בלעטער, פּאַפּירן, האָבן זיי אַ הויב געטון און אַנידער־געוואָרפן מיט אַ ווירבלדיקן געדריי. אויף דער וועלט איז עפּעס געוואָרן אַ יאָגעניש, אַ שטויסעניש, און אַ כאַפּעריי אין דער לופט, איבערוואַרפנדיק יעדע זאַך פון איין אָרט צום אַנדערן, ווי נאָר עס וועלן ערגעץ פאַרקייקלען אין שאול התחתיה אַריין.

ביי בלימעלע אין שטיבל איז אַלץ נאָך אַזוי פריש געווען פון דער חתונה. די ווענט זענען געווען גאַנצע, אויסגעמאָלענע, די פענסטער גייע און ווייס געפּאָקסטע, וואָס דער ווינט פלעגט

אַהער צו מיט אַ קלינג, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף שטאָל און איז צוריק אַנטלאָפן. דערצו פלעגט זי הייצן דעם ווייס-בלאַנקעדיקן קאַכלע-אויוון, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ באַ-טעמטע וואַרימקייט, ווי פון אַ קלאָריטשקן גוף.

די בעטן זענען ביי איר געשטאַנען פאַרבעט מיט הויכע יאַשעקעס און פוכענע בעטגעוואַנטער. די וועבענע ציכלעך זענען געווען אויסגעהאָפטן מיט שפיצן, פון וואַנעט ס'האָבן זיך אַרויסגעזען די איינשיטלעך, ווי רויטע קוויטן. דאָס אַלץ איז געווען אויסגעצייט מיט מאָנאָגראַמען, ווו עס איז געווען צו-זאַמענגעזעצט איר נאָמען מיטן מאַנס. אַרום די בעטן האָבן אַרומגעהאָנגען קרויזן, ווי ביי די ווייסע האַלקעס, דורכגעצויגן מיט בלאָ-זיידענע בענדלעך.

איך האָב אין די בעטן אַליין געפילט אַזוי פיל פרויאישעס, אַז מיר האָט זיך נאָר געגליסט ביי די דאָזיקע אַרומפאָכנדיקע ווינטן, אַריין דאָרט אין דער ווייסער וועלט פון שפיצן, מיידל-שע שטיקערייען און פאַרטרינקען ווערן אין דער ליבלעכער וואַ-רימקייט.

ביי אונז האָט מען זיך דאָסמאָל אויך געגרייט קעגנצו-שטעלן זיך דעם אָנגעכמאַרעטן ווינטער, וואָס האָט זיך אָנגע-הויבן אָנרוקן.

דער טאַטע איז געשטאַנען אין ווינט, און די באָרד איז ביי אים אָן אָפּשיי געטראָגן געוואָרן הין-און-צוריק, ווי עפּעס אַ וויעכעטש, וואָס בלייבט ליגן אויפן הויף נאָכן געפעס שאַרן. ער האָט אַרומגעקלעבט די פענסטער מיט ליים און האָט קוים געקענט איינשטיין אויף דעם אונטערגעשטעלטן בענקל. דער-נאָך האָט ער פאַרקיטעוועט די שויבן און אַרומגעגלאַטיקט מיטן מוצא-מעסער; פאַרפעסטיקט דאָס לאָדנדל און אַרומגע-קלאַפּט לייסטלעך אַרום דער טיר.

אין שטוב איז געוואָרן אַ היימלעך־קלאַפּעריי. די קינדער זענען אונטערגעלאָפן מיט אַ נעגעלע, מיט אַ לייסטל, צוגע־האַלטן, ווו מען האָט געדאַרפן.

די מאַמע האָט אויסגערייניקט די שטיקלעך רערן פון קענאַנדל (אייזערן אייוועלע) און האָט עס אַרויסגערוקט אין שטוב אַריין.

אויף דער שנעל האָט מען ביי אונז אָנגעלייגט אַ קעמערל האָלץ. אין שטוב האָט מען ריין געמאַכט אַ ווינקעלע פאַר איינגעקויפטע פּראָדוקטן די מאַמע האָט אויסגעסדרט אַ זעקל מעל, קאַשע, אַרבעס און אַ טאָרבעלע צוקער און דאָס אַרומגע־הילט מיט אַ ווייס ליילעך.

ביים נעמען די פּראָדוקטן פלעגט די מאַמע נישט אַריינ־קוקן נישט אין זעקל, נישט אין טאָרבעלע, טאָמער וועט די ברכה אַריינקומען. זי האָט אונז בעת־מעשה דערציילט, אַז ביי איר באָבע האָט מען פון אַ טאָרבעלע צוקער געניצט און גע־ניצט אפשר אַ יאָר צייט, ביז איינער פון די שטוביקע האָט אַ זאָג געטון: „ס'איז נאָך אַלץ דאָ פון צוקער?” דעמאָלס איז מיטאיינמאָל דאָס טאָרבעלע געוואָרן ליידיק. פלעגט זי בלינדער־הייט אויסשטרעקן די הענט אונטערן ליילעך און אָפּנעמען הויפנס מעל, צוקער, אַז מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, דאָס אַ גוטער מלאך, אַ שפּייזער, האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסן פליגל ביי אונז אין אַ ווינקל פון שטוב. ווען מען גייט צו, גיט ער אונז אַפּער צו קנעטן, צו קאָכן און צו צוקערן.

אַז אַלעס איז שוין געווען איינגעאָרדנט, האָט די מאַמע נאָך אויסגעשיט זאַמד אין טאָפּעלן פענסטער אַריין, אַרומגע־נומען עס מיט גרינעם שטאָף. אויף דעם אַרויף האָט זי אויס־געשטעלט וואַטענע פיגורלעך מיט לאַנגע נעז, וואָס האָבן דעם ווינטער געוויזן אַ „נאַניע” — געררייצט זיך מיט אים.

ווי אויף וווּנדער האָט זיך דער ווינטער געוויזן אַ מילדער, אַז איך בין געוואָרן לויטער פרייד.

אינדערפרי, ווען איך בין געגאַנגען אין חדר אַריין, האָב איך דערזען מיטאַמאָל אַ ווייסע אויסגעהאָפּטענע וועלט. אָט ליגט אַ שטרוי אויפן וועג, אַ שפּאָן, זענען זיי איבערגעצויגן אויף ווייס און מיט אַזעלכע ציפּקעס, ווי אויסגעשטריקטע פון וועליטשקע. די בריקלעך זענען ווייס, די דעכלעך — ווייסע און דער סאָד — אַ ווייסער. אַלע ביימער זענען ווייס, אַ ווייסער סאָד. די שטאַנגען, די צווייגן — ווי ספּעציעל געפּאַסטע ציכלעך געמאַכט פאַר זיי. ביי די עקן הענגען אַרום פראַנזן, ווי ביי קלאָריטשקע טישטוכער. עפּעס ווי איבערנאַכט האָט אַ געשיקטע ווירטאַנעס געזאָלט עפּענען שענק און קאָמאָדעס און האָט אויפגעשפּרייט טישטוכער, לײַלעכער און פראַנזלעך אַרום, ווי אין אַ פּסח אינדערפרי.

דער הימל איז רויִק, טונקל און די ערד גאָר אַ ווייסע. מיר קומט נאָר פאָר, אַז עס הייבט זיך אָן איבערטוישן: דאָס ווייסע, דאָס שיינע, וועט זיין איצט אויף דער ערד, און דאָס שוואַרצע, ערדיקע — אויפן הימל.

דערנאָך האָט זיך געמאַכט אייז-ליכטלעך ביי די פענסטער, ביי די דעכלעך. אַלע וואַסערלעך זענען געוואָרן אייזיקער גלייוער.

אין מיינע נייע שטיוועלעך, אין אַ וואַטאָווע פּעלצל, וואָס מען האָט מיר געמאַכט, אין די געשטריקטע הענטשקעס, האָט די לופט מיך נאָר ליבלעך געצוויקט און אַרויסגעברענגט מיר דו פּאַרב אין פּנים אַריין, ווי נאָך אַ קניפּ אין בעקל.

איך מיט די ייִנגלעך פון אונזער גאַס גייען קאָמפּאַניעווייז אויף דער גליטש. אַ לאָז זיך געגעבן און היידאַ — איך פלי! די ערד, אויף וועלכע מען מוז שטעלן יעדן טריט איז גאָרנישט אונטער מיינע פיס. איך טו גאָרנישט, שטיי נאָר אַזוי און אַליין

טראָגט זיך פאַר מיר פאַרביי אַ הויז, אַ פּלויט, ביז די גליטש־ענדיקט זיך. איך צעקאָך זיך, די פראָסט ווערט גאָר אַ וואַרימע, אַ ברייענדיקע. כ'זעץ זיך אַראָפּ בעתן גליטשן און מאַך אַ שוסטערל: האַק טשוועקעס אויף דער קני אָדער כ'צי אַ דראַטווע. די ייִנגלעך ווילן מיך נאָכמאַכן און נישט אַלע קענען, קערן זיך איבער און עס ווערט אַ געלעכטער. און איך פלאַטער און פלי און טראָג מיך אין דער לופט נאָר ערגעץ אַריין אין אַ שוועבנ־דיקע וועלט.

מיטאיינמאָל האָט אָנגעהויבן פאַלן דער ערשטער שניי, משה רבינו האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב און צעריסן ס'בעט־געוואַנט — „האָבן די ייִנגלעך געשריגן. עס שיטן זיך טאַקע פעדערלעך, פעדערלעך און לייגן זיך אויס, בעטן אויס די וועלט גלייך, ווייס. די ייִנגלעך גנבען זיך איינציקווייז אַרויס פון חדר, איינצוררייבן זיך מיטן ערשטן שניי, ווען שוין אַ גאַנצן ווינטער זיך נישט מאַכן קיין פאַרקילונג. זיי קומען אַריין מיט אויסגע־צוויקטע פנימער און מיט לאַכנדיקע אויגן.

מיטאַמאָל איז עפעס די מחלוקה ביי משה רבינו געוואָרן נאָך שטאַרקער, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן, די פעדערלעך, שנעלער, אומפעדדיקער, צוזאַמענגעפלאָכטן הייזער, גאַסן אין אַ קנוילן־שפּיל.

אויף פלעטער, אויף דרענגער, ליגן שוין שפּיציקע שטויסלעך ווי היטלעך־צוקער. איבער די גאַסן קאָפּעט מען זיך אויסצו־טרעטן אַ ווייס סטעזשקעלע. אָבער מיר, ביים אַהיימגיין אויף וואַרעמעס פון חדר, האָבן געפּראַלט איבער דעם שניי־ים און איינגענומען די ווייסע וועלט. מען האָט זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות, פאַרנומען אַ גאַס און אָנגעהויבן פירן אַ מלחמה מיט ווייסע קוילן. ווער עס איז נישט געווען מיט אונז, האָט פשוט געציטערט פאַרבייצוגיין. „שקצים, הערט אויף — האָט מען

געשריגן צו אונז פון אַלע זייטן—מען קען דאָך נישט אַדורכגיין".
אָבער ווער האָט געהערט? געטאָרעט זיך אין דער ווייסער פוכיקייט, געפאַלן און צוריק אויפגעהויבן, געשיבט און געבויגן און געבראָכן זיך, נישט צו כאַפּן אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

ביינאַכט פון חדר בין איך אַהיימגעגאַנגען מיט אַ לאַמטערל געמאַכט פון רויט פאַפּיר. איך האָב מיר אויסגעבלענדט אַ ליכטיק סטעזשקעלע אין דער ווייסער נאַכט און בין מיר געגאַנגען אָן מורא ווי קיינמאָל גאָרנישט.

ט.

גאלדענער שטויב

דער טאַטע האָט מיך אָנגעהויבן מיטנעמען צום רבין. שנתים און יום-טובים זענען פאַר מיר אָנגעגאָסן געוואָרן מיט באַזונדערע פרייד. איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן, אַז איך באַלאַנג נישט צו די פראָסטע, ווי דעם סאַדאָווניקס יינגל אָדער דעם קאָוואַלס. זיי גייען מיט זייערע טאַטעס אין בית-המדרש אַריין און מורמלען אָפּ דאָס דאַווענען איינס צוויי. דאָ ביים רבין זינגט מען, דאָ טאַנצט מען, דאָ פּאַטשט מען מיט די הענט צום הימל. דאָ איז נישט בלויז הייליק די תפילות, דאָס לערנען, דאָ איז אויך הייליק דאָס עסן וואָס מען עסט. אפילו די נויטיקסטע זאַך, וואָס דער מענטש טוט דאָ, איז עס אַ נקיה, אַ ריינ-גונג.

דער הויף פון רבין איז געווען אַ לאַנגער, אַן אָפּגעשלאָסענער און איז געווען אַרומגעשטעלט מיט בנינים.

ביים סאַמע אַריינקום אויף רעכטס, זענען געווען דעם רבינס צימערן.

די געביידע איז געווען אַ נידריקע, אַ ווייסע, מיט גרויסע מילך-שויבן, וואָס זענען מיר פאָרגעקומען ווי וואָלקנדלעך אין הימל, וואָס אונטער זיי איז לויטער פאָרכטיקע סודות.

פאַר די פענסטער זענען געווען אַרומגעצוימט אַ פּאָר-

אַקאַציען־בוימער, וואָס האָבן עלנד זיך געפונען היגטער די בלינדע שויבן.

אין די צימערן איז אַלץ געווען טיף און יוסט. די ווענט — מיט באַגילדעטע הענגלעך ווייַנטרויבן אויף טאַפּעטן פון קאַרשן פאַרב. מעבל־שטיקער אזעלכע שווערע: ברוינע קאָמאָדעס מיט געקאָוועטע שיף־לעדער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַ פערטל צימער; דעמבענע שענק מיט ספרים, וואָס אויף די לעדערנע רוקנס זענען די מסכתות געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות; טיף געבעטע פאָטער־שטולן מיט ברייטע פּלייצעס; טישן, וואָס זענען שווער געשטאנען, ווי אויפגעבויטע מזבחות אויף צו ברענגען אַ קרבן.

פון די סופיטן האָבן אַראָפּגעהאָנגען הענגל־לעמפּ מיט מילך־שיינען און גלאָז־פּראַנזן אַרום, וואָס מען האָט אין זיי געזען, ווען די לעמפּ האָבן געברענט, אַזוי פיל פּאַרבן, ווי אין אַ רעגן־בויגן.

איין טיר, אַ ווייסע, מיט אַ מעשענע קלאַמקע און מיט אַ גרויסן „שדי" אויפן ביישטידל, איז געווען שטענדיק פאַר־שלאָסן. ביי דער טיר זענען געשטאַנען מענער און ווייבער מיט פאַרכטיקע פנימער און האָבן זיך געריבן די הענט, געשאָקלט מיט די קעפּ אין דער ברייט אַריין, ווי איינער וואָס קען שוין נישט לענגער אויסהאַלטן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן קוויטלעך, וווּ עס זענען געווען איינגעשריבן זייערע בקשות, פּונקט ווי זיי זאָלן האָבן געגענט צו די טויערן פון הימל.

די טיר האָט געפירט צום רבין.

אַהין האָט מען מיך קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזט.

פאַרדאָס פלעג איך אַריין אין רבינס סוכּה, וואָס איז געשטאַנען אין שכנות מיט זיינע צימערן. אין דער סוכּה, האָב איך געהערט צווישן די יידן, זיצט דער רבי און לערנט.

די סוכּה איז געווען אַ גאָר לאַנגע. די ווענט, דער צודעק אין דער הייך, זענען געווען געפלאָכטן פון רער־שטעקעלעך, ווי אַן אויסגעבוונדענער קויש. ווען די פליגלען אין דער הייך זענען געווען אָפן און די זון אָדער די שטערנדלעך בייטאָג האָבן אַריינגעמיניעט, האָט די גאַנצע סוכּה אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען אין דער לופטן, ערגעץ אונטער די הימלען.

זי איז געווען פאַרפּוצט, די סוכּה, מיט רינגלעך פון לולב, מיט בלעטער פון הדס און מיט אתרוגים, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון דער הייך אויף פאָדעמס.

אין דער סוכּה האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז איך בין שוין נישט אין גלות, אַז איך געפין מיך אין אַביידל אין ארץ־ישראל. אַהער, האָב איך אין זין געהאַט, פּאַסט צו פאַר־בעטן אַזעלכע חשובֿע געסט ווי אברהם, יצחק, ויעקב; משה רבינו, אַהרן הכּהן, יוסף הצדיק און דוד המלך. נישט אין אונדזער סוכּה אַריין, וואָס האָט אינגאַנצן אויסגעזען, ווי אַ קעמערל, מיט אַ ביסל סכך אינדערהייך. נישט געווען אַפילו קיין פליגלען צו עפענען אין הימל אַריין.

איבערהויפּט האָב איך מיך אָפּגעשטעלט ביי דוד המלך. נאָר עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער האָט געמוזט זיצן אין ירושלים אין אַזאַ געפלאָכטענעם פּאַלאַץ.

נישט נאָר די סוכּה האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין מלכותדיק ביים רבין. אויף לינקס איז געשטאַנען הינטער אַן אָפענעם אָפּדאַך דעם רבינס אַ קאָטש מיט גומענע רעדער.

די ווענט אַרום האָבן געגלאַנצט. דאָס געזעס — אויסגעבעט און מיט אַ האָריקן קאָץ אַרומצוהילן זיך, ווי די גרויסע לייט. די גומענע רעדער שפּרינגען לוסטיק אין דער הייך, ווי פריילעכע הענט וואָלטן זיך מיט זיי געשפּילט.

אזוי האָב איך געזען דעם רבין אָנקומען פון די וואַרעט-בעדער אין דער קאַטש.

די חסידים האָבן הינטער דער שטאָט אויסגעשפּאַנט די פערד. נאָר גליקלעכע מיט צעפלאַמטע פּנימער איז געלונגען זיך דורכצורייסן דורך דעם מענטשן-מבול און העלפן באַוועגן די קאַטש. אזוי האָבן זיי הונדערטער דעם רבין אַריינגעפירט אין שטאָט און צוגעשריגן: ברב עם הדרת מלך.

דאָס אַלץ האָט מיך דערמאָנט אין אַ יידישער מלכות.

קעגנאיבער דעם טויער איז געשטאַנען אַ הייזל, ווו עס האָבן געוווינט דעם רבינס קינדער.

די פענסטער פון ביידע גאָרנס זענען אייביק געווען פאַר-הילט מיט פוירהענגלעך.

טאָמער האָט געטראָפן, אַז ווער פון די רבינס טעכטער אָדער שנורן האָט אַוועקגעשאַרט אַמאָל דאָס פוירהענגל און געוויזן דעם קאָפּ אין די שויבן, האָט שוין דאָס אויסגעזען, ווי עס וואָלט עפּעס אַנטפּלעקט, אָפּגעדעקט געוואָרן, ווי פון אַ גוף.

איבערן הויף, וועלכער איז אין די שבתים און יום-טובים געווען באַשטעלט מיט קופּקעלעך חסידים, פלעגן די טעכטער מיט די שנורן שפּרייזן מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, געקרייזט זיך אַהער און אַהין, כּדי אויסצומיידן די מאַנסבילן איבערן וועג. אַז זיי פלעגן גיין פון רבינס מקוהלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און עס איז אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דאָס בית-המדרש, זענען די קעפּ ביי זיי געווען פאַרהילטע, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען די צעפּייערטע פּנימער. זיי זענען געווען אַריינגע-נאָרעט אין זיך מיטן בליק, צונויפגעצויגן און פאַרבאַבלט די ווייבערישע גלידער. אַזוי זענען זיי אייליק פאַרביי, ווי עפּעס, וואָס ווערט געטראָגן אין אַ פאַלע, נאָר אַ פאַלע אַ הייסע,

מחמת ביי זייער פארבייטראָגן זיך איז די לופט אָנגעפילט געוואָרן מיט היציקייט.

פון יענעם הויז פלעגט ארויסקומען אויפן הויף אַרויף אַזוי פיל קליינוואַרג, מיידעלעך און ייִנגלעך, אַז ביי די לויטער דערוואקסענע מענטשן פון ארום האָט דאָס עפּעס אויסגעזען, ווי אַ שטיק פארפלאנצטע לאָנקע. דאָרטן וואקסן דאָס אונטער די נייע דורות פון רבין.

די זין מיט די איידעמס פין רבין זענען געווען דער שפּיגל פון הויף. וואָס מער דער רבי איז געווען פארבאָרגן און באהאלטן, דאָס מער האָט מען זיך מיט זיי ארומגעפירט איבער דער לענג פון הויף. די חסידים האָבן זיך געפרייט מיט זיי, געזאָגט זיי אויף „דו" ווי צו אייגענע קינדער. אויסער דער בכור, דעם רבינס, ר' העשעלע, וואָס פלעגט שוין, פונקט ווי דער פאָטער, ווייניק זיך ווייזן צווישן עולם.

אויפן הויף איז אויך געווען אַ טיף בית-המדרש, אַ טונקלהילצערנס, וואָס אמאָל איז עס געווען אינגאַנצן ליידיק און ס'האָט עפּעס דערמאָנט אין אַן אויסגעטריקנטן טייך. מיטאמאָל, פונקט ווי אַ וואסער וואָלט דרין אָנגעקומען, איז עס פיל געוואָרן איבער די ברעגעס מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געכוואלעט, געוויגט און געברומט, ווי בעת אַ שטורם.

אין מיט הויף איז געשטאנען אַ גרינע פלומפּ, וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך געפונען אויפן הויף פון משכן. דאָס וואַסער פון דער פלומפּ האָט מען נישט גענוצט צו קיין געוויינלעכע זאכן. ביי דער פלומפּ האָבן די לוים געוואשן די כהנים צום דוכנען; יידן האָבן זיך כסדר גענעצט די הענט פאַר תפילה טון.

איך גיי מיטן טאַטן אין רבינס הויף אַריין.

ס'איז פרייטיק פארנאכט.

די געוועלבלעך ארום זענען געשלאָסן. אונטער זיי ליגט אויך פארהאַקט דער וואָכעדיקער געשריי, דער טומל, דער מקח וממכר.

פון די פענסטערלעך שיינען ארויס די שבתדיקע ליכט, דאָ און דאָרט, און דאָרט און דאָ — די גאנצע שטאָט לויטער שבת.

פאר די טירן איז אויסגעקערט, אויסגעשיט מיט זאמד.

יידן גייען פון אלע זייטן און שאָקלען: „גוט-שבת" און מען ענטפערט: „גוט-שבת, גוט-יאָר".

הגם מען האָט זיך ערשט געזען אויפן הויף, ערשט גע־שמועסט צווישן זיך, באַגריסט מען זיך אויפסניי, אַ נייע צייט אריינגעטרעטן, אַ שבתדיקע.

אויפן נייעם מארק טרעף איך שטיין אַ פויערל ביי אַ פערד און וואָגן. ער איז געקומען אוודאי אין שטעטל אריין נאָך נאפט אָדער נאָך זאלץ און געטראָפן שוין די געוועלבלעך פארמאכטע.

דאָס פויערל שטייט אין זיין גאנצן אינדערוואָכנדיקייט אין מיט מארק, אַרומגעשפּיזט פון די בלענדנדיקע פלעמלעך פון די שבת-ליכט דורך די פענסטער.

מיר ווערט אַ מיטלייד אויף אים: „וואָס פאר אַ לעבן איז דאָס". אפילו דאָס פערדל, האָט מיר אויסגעוויזן, שטייט עפּעס פארטראכט, מיטן קאָפּ אראָפּגעלאָזט. ווער קען וויסן, צי אויך דאָס פערדל ווייס עפּעס נישט און עס באַדויערט וואָס עס איז נישט אריין צווישן יידן. ס׳וואָלט דאָך אויך איצט געריט צו־גלייך מיטן הויזגעזינד און מיטן קנעכט.

אין רבינס גאס ציען זיך שנירן יידן אין אטלעס און אין סאמעט און אלע גייען זיי אין הויף אַריין.

דער הויף הייבט טאקע אָן ווערן פול. דאָס גרויסע בית־

המדרש שעפּט זיך אָן מיט יידן. אָט, אָט, און עס וועט מער נישט קענען אריין.

איבערן הויף דרייען זיך חסידים פרעמדע, אויסטערלישע, פון אַלע עקן לאנד, פון אַלע עקן וועלט.

איך קאָמפּאניעווע מיך צונויף מיט נאָך עטלעכע יינגלעך און מיר לויפן ארום צווישן די יידן פון דער גאנצער וועלט.

וועלוול דעם גבאיס אַ יינגל, אַ דאַרער און אַ הויכער, וואָס וואקסט ארויס פון אַלעם אין וואָס ער גייט אָנגעטון: פון די שטיוול, פון די הויזן, פון די ארבל פון דער זיידענער יופּעצע, ווייזט אונז אָן אַ ירושלימער ייד, וואָס איז געקומען צום רבין.

ער איז אַ שוואַרצער, דער ייד פון ירושלים, מיט צוויי גרויסע גלימערדיקע אויגן. אויף די שוואַרצע באָרד ברענט ביי אים, ווי אַ קויל, וואָס ליגט אויף אַ פייער און דארף זיך באלד אָנכאפּן ער טראָגט אַ לאנגע זיידענע יופּעצע, פון פאָרנט פארקנעפּלט ביז אַראָפּ, מיט איבערגעצויגענע זיידענע קנעפּעלעך, ווי ביי ווייבערישע מאנטלען. ארומגענומען איז ער מיט אַ ברייטער גאַרטל. אויפן קאָפּ — אַ שטריימל מיט אַכט שפּיצן, גאָר אַן אַנדערס, ווי אונזערע יידן.

איך שטיי און קוק אויף אים, ווי אויף אַ לעבעדיקן עדות, ווי וואָר די תורה איז. טאַקע אַ ירושלים, ארץ־ישראל, דאָס בית־המקדש, די אָבות.

מיר גייען צו אייגער נאָכן אנדערן און גיבן אים די הענט: שלום־עליכם.

דערנאָך ווייזט אונז אָן וועלוול, דעם גבאיס יינגל, אויף אַ ייד פון אַמעריקע. דער איז שוין גאָר אַן אנדערער. ער טראָגט אַ קאפּעלוש, אָבער איך קוק לאנג אויף דער ברייטער ראַנד, צי דאָס איז טאַקע אַ יידישער קאפּעלוש, אַ רבנישער, און קען גאָר נישט דערגיין. דאָס בערדל, אַ בלאָנדס, איז ביי אים פארשניטן.

ביי מיר קומט עפּעס אויס נאָך די גרויסע בערד, וואָס איך בין געוווינט צו זען, אַז דאָ איז אַ ליידיקייט ווי אויף אַן אָפּגעקאָסעט פעלד, ווו עס סטאַרטשען נאָר ארויס שטעכיקע שטרויעלעך. ער טראָגט אַ קורצן ראָק מיט אַ העלער וועסט, אויף וועלכער עס הענגט אַ גראָבע דיוויזקע. עפּעס איז דאָס אַלץ גאָרנישט יידישלעך. נאָר איך בין אים מוחל, ווייל ער איז געקומען צום רבין אַזש מעבר לים. ער ווייזט אונז אויך אָן אַ בעל-תשובה, וואָס איז אָנגעקומען אין רבינס הויף אַריין.

דאָס איז אַ יידישער דאָקטאָר, זאָגט ער אונז, וואָס האָט מחלל געווען שבת בפרסהיא, געגעסן טריפות, מזנה געווען און איצט איז ער געקומען, דער רבי זאָל אים ארויסגעבן אַ תשובה.

ער זעט טאקע אויס, ווי אַ פארשטעלטער, דער בעל-תשובה. די וואָנסעס, שווארצלעך גראָע, זענען ביי אים גרויסע, געדרייטע, און די באָרד הייבט ערשט אָן וואקסן. ער גייט אין אַ שטריימל מיט אַ זיידענער יופּעצע און טראָגט קוועטש-גלעזער אויף דער נאָז, גאָרנישט די ברילן, וואָס אַלע יידן טראָגן דאָ אונטער די אויערן.

וועלוול דעם גבאים יינגל דערציילט אונז, אַז ער אַליין זאָגט אויס פאַרן עולם די אַלע עברות, וואָס ער האָט געטון. און די מוטער זיינע, וואָס איז געווען אַ פרומע יידענע, איז אים געקומען צו חלום און אים איבערגעגעבן, ווי מען ברענט און מען בראָט די רשעים אויף יענער וועלט. און אַז זי אַליין האָט אויך נישט קיין רו אין קבר, מחמת ער איז אַ בן-יחיד און האָט נישט געזאָגט קיין קדיש.

האָט ער איבערגעלאָזט דאָס טריפהנע הויז מיטן ווייב און מיט די קינדער און איז אַהערגעקומען צום רבין.

שלאָפן שלאָפט ער אויף די הארטע בענק אין בית-

המדרש און עסט אַ גאַנצע וואָך בלויז ברויט איינגעטונקען אין אַ סך זאַלץ, כּדי ער זאָל נישט האָבן קיין הנאה פון עסן.

דערווייל האָט דער שבת אויפן רבינס הויף זיך געשטעלט אַ פּאַרטיקער, גרייט מען זאָל אים מקבל זיין.

ליכט ברענען אין אַלע זייטן. אין גלייכע רייען — אין קאַנדעלאַברעס, אין רעדער אַרום — אין הענגלייכטער. פאַראַן אויך ליכט, וואָס שטייען איינס אונטער אַנדערן — אין מנורות, ווי אין בית-המקדש. צו איינצעלנע ליכט — ברענען אין לייכטערס. און זיי וואַרפן זייערע צעשיינטע קעפּלעך אויף די ווייסע, קלאָריטשקע גופימלעך.

די בליץ-לעמפּ אין רבינס צימערן, אין בית-המדרש, פּלייצן אַראָפּ פון די סופיטן מיט ליכטיקייט, ווי די ברענענדיקע זונען. די גלאָז-פראַנזן אַרום די לעמפּ ציינדן זיך אָן פון די פייערן. זיי שימערן מיט פּאַנס, מיט גרינס, מיט בלאָס, ווי די פאַרשידן קאָליריקע שטרייפן אויפן הימל.

דער עולם אַרום איז איינגעטונקען אין גלאַנציקע בגדים: זייד, סאַמעט און אַטלעס. און עס גלימערט, איין ליכט שלאָגט אָפּ אין אַנדערן. דאָס אַלץ פאַלט זיך צונויף און עס שאַפט איין ליכטיקן פאַרשידנפאַרביקן קראַנץ.

די גאַנצע וועלט דאָ, נעמט מיך עפּעס צו פון דער ערד, און זי מאַכט מיך נאָענט צום הימל, וואָס הענגט אין דער לופט און איז לויטער ליכט און פאַרב.

דער עולם דרייט זיך פון אָרט צו אָרט, איז אומגעדולדיק, דער הימל איז שוין באַוויזט מיט שטערנדלעך און דער רבי איז נאָך נישט אַרויס פון זיין חדר מיוחד, מען האָט נאָך נישט געדאַוונט קיין מנחה. נישט אַלע, איבערהויפּט די פרעמדע, זענען געוווינט צו אַזאַ שפּעט דאַוונען, וואָס לויטן שלחן-ערוך איז שוין לאַנג אַריבער דער זמן מנחה.

די שפּאַנונג וואַקסט, חסידים רייבן זיך בײַ די בערד, קרײַזלען די פּאות, מען וואַרפֿט פּסדר דעם קאָפּ צום הימל און צום רבינס צימער. אַלץ איז צעפּלאָשעט, צערודערט, ווי אַ סטאַדע, וואָס דער פּאַסטוך איז ערגעץ אַוועק.

דער הויף מיט מענטשן ווערט מיט איין מאָל פֿאַרשטייפֿט, אָנגעצויגן, אַלע בלײַבן שטיין אויף זייערע ערטער. איך זע נאָך גאָרנישט, נאָר עפּעס דערטראָגט זיך דאָך פֿון די אינעווייניקסטע צימערן. אַלע וואַרפֿן די בליקן צום אַרויסגאַנג און עס גיט זיך אַ באַווייַז דער רבי.

ער איז אַ הויכער, דער רבי, און אַ דיקער. אַלץ איז בײַ אים אויסערגעוויינלעך גרויס. די פּאות — גאַנצע צעפּ געקרײַזלטע, ווי די לאַנגע שרויפֿן; די באָרד, אַ שאַטינע, דערגרייכט אים ביז צו דער גאַרטל און פֿאַרשטעלט אים אין דער ברייט אַרײַן די פֿאָדערשטע אַקסלען, ווי אַ פֿאַנצער. די ברעמען — בערשטן געדיכטע. אין דער ברייטער אַטלעסענער יופּעצע, מיטן הויכן קאָלפּעק, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ געבײַדע אַ גאַנצע, אַ „גמאַך". איך האָב טאַקע איצט, קוקנדיק אויף אים, זיך דערמאָנט, וואָס די מאַמע דערציילט אונדז שטענדיק, אַז פֿון דער גאַנצער גאַס ברענגען די ווײַבער די פֿעלצן פֿון דער מילך פֿאַרן רבינס וועגן צו דער קאַווע, וואָס ער טרינקט אינדערפֿרי. און אַז די מילך פֿאַר זײַנעטוועגן ווערט געוואָלן דרײַ מאָל, כּדי זי זאָל זיך גוט אײַנקאָכן און זאָל זײַן פֿעט. ער דאַרף דאָך האָבן כּוח צו לערנען, צו העלפֿן אַזוי פֿיל ייִדן, פֿלעגט די מאַמע זאָגן.

איך האָב זיך טאַקע קעגן אים דערפֿילט, ווי אַ שטויבעלע.

דער עולם אויפֿן הויף צעשאַרט זיך, מאַכט אַ וואָרע בײַם רבינס דורכגאַנג. אַלע רוקן זיי זיך מיט די פּנימער גלײַך.

דער רבי גייט גיך איבערן הויף און צו צום בית־מדרש. דאָס פולע בית־מדרש, וואָס איז געדיכט באַזעצט מיט מענטשן־קעפּ, האָט ביים רבינס באַווייזן זיך אַדורכגעשניטן אין דער העלפט. אַ ברייטער ליידיקער פּאַס איז געוואָרן דורכגעטיילט ביז אויבנאָן, ביי דער מזרח וואַנט, ווו עס איז דעם רבינס אָרט.

אין בית־המדרש האָט מען זיך גלייך געשטעלט דאַוונען.

דער גאַנצער עולם האָט זיך צעכוואַליעט. קעפּ האָבן זיך גענומען שאָקלען, הענט — אויסגעשטרעקט זיך אַרויף און געפּאַטשט, געקלאַפּט, ווי נאָר מען זאָל זיי עפענען די הימלען.

און אַ געברומעריי האָט זיך געטראָגן, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ ווינט, וואָס קלאָגט אַמאָל אָדער אין אַ וואַסער, וואָס רייסט זיך.

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל — שמונה עשרה — ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטומע וואָרפּעניש, אַ ברעכעניש און געהאַלישע אויסגעשרייען: „אַ אַ אַ...״, ווי איינער, וואָס ווערגט זיך אָדער גייט אויס.

איך, וואָס בין דאָס ערשטע מאָל געווען צווישן אַזאַ עדה יידן, בין די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַ סידורל אין דער האַנט און בין אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ פּאָרכטיקער פרומקייט.

כ׳האָב דערפילט, אַז איך קען נישט אַלץ אויסדרייקן, וואָס עס איז געוואָרן אויף מיר אָנגעיאָגט. עפּעס בין איך גרייט געווען מיך צו לאָזן מקריב זיין. און דאָ קען איך נישט מער ווי זאָגן עברי און מיך צושאָקלען.

געדאַנקען זענען צו מיר געקומען, אַז ווען איך וועל אונטערוואַקסן, ווערן אַ גרויסער ייד, וועל איך מיר אין בית־המדרש לאָזן אויפבויען אַזאַ אָפּגעגרענעצט אָרט. דאָרט, פאַר־באָרגענערהייט, וועל איך אַזוי הייס בעטן, אַז איך וועל מוזן

דערהערט ווערן. אזוי אָפּן, שעם איך זיך פאר מענטשן. באַ־האלטענערהייט, וועל איך בלייבן: איך און גאָט. אָדער איך וועל גאָר דאַווענען ווי דער בעל־שם־טוב איינער אליין אויפן פעלד, אונטערן פרייען הימל. נאָר אויף אזא אופן וועל איך מיך קענען דורכשמועסן מיטן באשעפער פון דער וועלט. איך האָב מיר שטילערהייט פאָרגענומען צו ווערן פרום, אָפּגעהיטן, אַריינטון זיך אין לערנען. כ׳וועל אונטערוואקסן, וועל איך שרייבן ספרים, ווערן אַ „גוטער ייד״. ס׳איז דאָך אזוי גוט צו לעבן אין אַזאַ הויף — אַ גן־עדן אויף דער ערד. אַ ליכטיקייט, אַרומגערינגלט מיט אזוי פיל יידן, וואָס קומען פון דער גאנצער וועלט, קומען און ווערן דאָ געהאָלפן.

דאָרט אין דער גאס איז דאָך אלץ אזוי פּראָסט.

נאָכן עסן האָב איך זיך אָנגעבעטן און בין ווידער מיט־געגאנגען מיטן טאטן צום רבינס טיש.

דער טאטע, משמעות, האָט עפּעס דערקענט אין מיר און האָט מיך געפרעגט אויפן וועג:

— נו, שלמה, ס׳איז עפּעס גוט צו זיין אַ חסיד?

איך האָב אים געענטפערט:

— כ׳וואָלט געוואָלט זיין א רבי.

דער טאטע האָט זיך שטארק צעלאכט און האָט עס אין דער היים אפילו נאָכדערציילט פאר דער מאמען.

ביים טיש־פירן זענען אלע שוין אריין אין רבינס צימערן.

ביי אַ לאנגן שבתדיק געדעקטן טיש, זענען אַרומגעזעסן און געשטאנען אין דער הויך צוויי ווענט מיט יידן.

אז איך בין אריין מיטן טאטן, האָט מען געטראָפן ביי זינגען.

דער רבי אויבנאָן האָט נאָר טועם געווען פון אַן עסנוואַרג און גלייך איז עס צעכאַפּט געוואָרן פון האַנט צו האַנט. ס׳האָט

עפּעס אויסגעזען, ווי בײַ אַ טשאַטע זינגנדיק· און טאַנצנדיקע פייגל, וואָס קוים לאָזט איינס עפּעס אַרויס אַ זשאַרגעלע פון פּיסקל, לויפט אַ צווייטס אונטער און כאַפּט עס און מען זינגט ווייטער.

בײַ דער שטאַרקער שבתדיקער ליכטיקייט, בײַ דעם געזאַנג און בײַ די שבתדיקע מאכלים, האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע פמליא של מעלה קוקט אַראָפּ נאָר צו דעם טיש.

שבת-צו-נאַכטס נאָך מעריב איז דער רבי מיטן עולם אַרויס אויפן הויף מחדש זײַן די לבנה.

דער עולם האָט מיטגענומען ליכט אין די הענט, כּדי צו זען אין די סידורים. אָבער זיי זענען געווען גאַנץ איבעריק, די ליכט. די נאַכט איז געווען אַ העלע, אַז מען האָט געקענט דערזען די קלענסטע אותיותלעך.

די דעכלעך זענען געווען באַגאָסן מיט ליכט און האָבן געשימערט, ווי געשליפן גלאָז. אַ ווייסע קאַץ, וואָס האָט גראָד געשפּרייזט אויף אַ פּלויט, האָט באַקומען אַ פעל, ווי פון זילבער.

אין דער הייך — אַ מיניערײַ פון שטערן. זיי זענען אַזוי געדיכט באַזעצט, אַז זיי רײַבן זיך איינס אָן ס'אַנדערע. די לבנה איז דערווײַל אַרונטער אונטער אַ לײַכט דורכזיכטיק וואָלקנדל פון וואַנעט מען האָט אָפּרגעזען איר פולן קאָפּ, ווי זי שווימט. דער רבי מיטן עולם וואַרטן צו ביז זי וועט אָפּער און ווייזן איר לויטער פּנים.

די עדה יידן בײַנאַכט מיט די ליכט אין די הענט, אויס-קוקנדיק די לבנה, האָט מיך דערמאָנט אין ירושלים, ווען די יידן זענען אַרויס אויף די בערג מיט אָנגעצונדענע פלאָקנס און האָבן אָנגעזאָגט: די נײַע לבנה האָט זיך באַוויזן.

אַ פּאָר רגעס און די לבנה הייבט טאַקע אָן אָפּער פונם וואָלקן, דעקט זיך אָפּ, ווי אַ כלה איר פּנים פון שלייער.

זי איז ריין, די לבנה, קיין פגם, קיין שפרענקעלע. פול און גאנץ, פונקט ווי דעמאָלט ווען כביכול האָט זי צום ערשטן מאָל באשאפן און ער האָט געזען: זי איז גוט.

דער רבי שטייט די הענט פארשטעקט אין גארטל, די גרויסע ברעמען ארויפגעצויגן אויפן שטערן. ער קוקט אין הימל אריין און הייבט אָן און די גאנצע עדה יידן מיט: „לויב גאָט פון די הימלען, לויב זיינע מלאכים, לויב זיינע הערשאפטן, לויב די זון מיט די לבנה, לויב אַלע ליכטיקע שטערן".

אַ ווייל האָט מיר אויסגעדאכט, אז די לבנה איז שטיין געבליבן אין הימל, זי קלערט אוודאי, אין וועלכער זייט זיך צו לאָזן. אָבער גלייך, צו מיין גרויס וואונדער, האָט זי אָנגעהויבן לויפן אהער, אהער צום רבינס הויף.

דער רבי מיט די עדה יידן שטייען און שפרינגען איר אַ קייגן: „געלויבט זאָל זיין דיין באשעפער". „אַזוי ווי אי שפרינג דיר אַ קייגן און קען נישט אָנרירן אין דיר, אַזוי זאָל מיינע פיינט נישט קענען אָנרירן אין מיר צו טון מיר שלעכטס"

און די לבנה שמייכלט צוריק און לויפט גלייך אַהער. גלייך אַהער.

מען הייבט זיך אָן זאָגן: „שלום עליכם", „עליכם שלום". און אָט שטייט שוין די לבנה אין מיט הויף, פונקט איבער אונזערע קעפ.

איצט האָב איך באשיינפערלעך געזען וואָס פאר אַ דעה דער רבי האָט אין הימל. ס'איז מיר איצט קלאָר געוואָרן די אַלע נסים, וואָס איך האָב מיך אָנגעהערט וועגן אים. ווי אַזוי ער איז ביי דער גרויסע שרפה אין שטעטל, ווען דאָס פייער האָט אָנגעהויבן צוקומען אין זיין גאַס אַריין, ארויס פארן טויער און פאריאָגט מיט דער רויטער פאטשיילע די פלאמען. דאָס הויז מיטן בית-המדרש איז געבליבן גאנץ.

איך דערמאָן זיך די אַלע מעשיות, וואָס דער טאַטע מיט די חסידים דערציילן צווישן זיך פון רבין, וואָס פאַר אַ ווילד יינגל דאָס איז געווען. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין קאַזע, ער זאָל נישט אויפרייטן אויף איר; געלאָפן אין אַ מארק־טאָג צווישן די פערד און געשעפּט וואסער אָנצוטרינקען זיי, פּונקט ווי די בעל־עגלה־יינגען.

און איך קום צו דער מסקנא, אַז הגם איך בין אַ וויל־דער, האָב ליב ארומצוּוואַיווען און נישט צו פאָלגן, קען מען זיך ארויפארבעטן, קען מען ווערן אַ גרויסער ייד.

דאָס ערשטע וואָס איז מיר איינגעפאַלן צו טון: זיך אָפּ־זונדערן, פּונקט ווי דער רבי. עפּעס האָט עס מיך אי געשראָקן, אי געצויגן. איך האָב אויך אָנגעהויבן, ווען איך בין נאָר געווען פריי, בלאָנדזשען אליין אויפן שאָסיי. איך פלעג וועלן אין עפּעס ארייַנטראכטן זיך, צו עפּעס דערגיין, נאָר די אויגן האָבן מיך שטענדיק פארפירט. דאָ האָב איך געזען, ווי די זון זעצט זיך אַ רויטע, צינדט אונטער דאָס פענסטערל פון דער איינציקער כאַטע, וואָס שטייט ביים וועג, פּונקט עפּעס ווי זי זאָל זיך אויף ביינאַכט דאָרט ארייַנציען. איך שטיי און קוק צו דעם און קען די אויגן נישט אָפּרייסן. אָדער אַ בוים האָב איך געזען, וואָס שטייט אליין אויפן פעלד און גרינט זיך אזוי אונטערן הימל. מיר איז איינגעפאַלן, אַז דאָ איז דאָך פּונקט ווי ביי בראשית. די ערד האָט ער גרונדפעסטיקט פון אונטן, דעם הימל — אין דער הויך, און צווישן זיי — אַלערליי שפּראָצונגען און ווידער־וּנגען.

אַהיימגעגאנגען, האָב איך שטענדיק אויפן וועג חרטה גע־האַט. ס׳איז מיר געקומען אויפן געדאנק דער פּרק: „מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה" און האָב מיך אַלץ נישט געקאָנט פון דעם אָפּרייסן.

איינמאָל האָט מיט מיר עפּעס געטראָפן, וואָס האָט מיך שוין אָפּגעהאַלטן צו גיין מער אויף דעם וועג.

ס׳איז געווען אַ מארק־טאָג אין אַ דערבייאיקער שטאָט. פויערים פון דער ארומיקער געגנט זענען אַהיימגעפאָרן אויף זייערע פערד און וועגעלעך. אנדערע האָבן אהיימגעטריבן אַ קו, אַ חזיר, אָדער אהיימגעריטן אויף אַ פערדל.

יידן, טאנדייטערס, זענען אָנגעקומען אויף גרויסע לייטער-פורן, אויף וועלכע זיי מיט די ווייבער, מיט די שטעלעכלעך, מיט דער סחורה, זענען געווען אָנגעלאָדן ביז ארויף. אויפן וועג באווייזט זיך מיטאמאָל אן אַלט באבקעלע מיט אַ קליין חזירל, געפּענטעט אַ פיסל מיט אַ שטריקל.

דאָס באַבקעלע איז אַ קליינס, אַ נידריקס, מיט אַ רויט געבלימלט טיכל פארלייגט אין אַ וואַליק ארום קאָפּ. זי גייט אָנגעטון אין אַ רויט געבלימלט סטענדל מיט אַ לייוונט ברייט פארטוך. אין איין האנט האלט זי אַ ריטל, אין דער צווייטער — דאס שטריקל, וואָס איז צוגעבונדן צום חזירלס פיסל. די גאנצע צייט האָט זי געמליאַסקעט דערצו, ווי צו אַ קינד: „טטטו, טטטו, טטטו״.

דאָס קליינע באַבקעלע מיטן חזירל אויף דעם ליידיקן וועג, ציט מיך, ציט מיך מיט און איך גיי זיי נאָך.

איך בין צוגעקומען צום גוייִשן געסל און דאָס באַבקעלע איז אַריין אין אַ קליין הייזל, ווו ס׳איז געווען אַ גערטנדל פארן פענסטער און אַ סך וואַזאָנעס ביי די שייבלעך.

אויפן דעכל האָבן טייבעלעך אַרומגעוואָרקעט אונטער אַ טויבן-שלאַק און זיך אַנטקעגנגעשפּרייזט מיט אויפגעהויבענע קעפּלעך.

אַ קליינער הויף איז געווען אַרומגעצוימט אַרום דעם הייזל, ווו עס האָט זיך געפינען אַ שטעלעכל פאר אַ קו, פאַר עופות.

קעניגלעך זענען האַרט ביי די ווענט פון הייזל אַרומגע־לאָפן מיט צעשראָקענע אויערן און האָבן געדושאַמזשעט גרעזלעך.

קיינער איז דאָ מער נישט געווען. ווייזט אויס, האָב איך געטראַכט, דאָס באַבקעלע איז איינע אַליין.

און עפּעס אַ גרויסער חשק נעמט מיך אַרום צו זיין דאָ.

איך פאַרגעס אינגאַנצן, אַז איך בין אַ ייִד, אַז די אַל־טיטשקע האָט אַהיימגעפירט אַ חזירל.

איך שטיי צוגעשמידט צום אָרט.

דאָס באַבקעלע איז צוריקגעגאַנגען פון שטעלעכל, וווּ זי האָט איינגעשטעלט דאָס חזירל, און מיך געזען שטיין ביים טירל, האָט זי מיך געפרעגט:

— וועמען זוכסטו דאָ, קליין יידעלע?

איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט, אָבער זי האָט מיך נישט אוועקגעטריבן.

דורך דער געעפנטער טיר האָב איך געזען איר קליין שטיבל, אַן אויסגעקאַלכטס. ביי איין וואַנט אַ בעטל, אַ גרינער קופערט. אַן אייל־קנייטל האָט געברענט אין אַ גלאָז פאַר אַ בילד פון אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט און אַ טרער איז איר גערונען פון אויג. אויף דער וואַנט ביים בעט האָט געהאָנגען נאָך אַ בילד: אַ פּאַסטוך מיט אַ העל ליכט אַרום אַ זייד בלאָנדן קאָפּ, מיט בלאָע אויגן, ווי פאַרגנבהטע שטיקלעך הימל; אין דע־ האַנט אַ וואַלד־שטעקן און פאַר אים — אַ סטאַדע שאָף. איין שעפעלע, אַ קליינס, אַ מידס, האַלט ער אויף דער האַנט און שפּרייזט מיטן בלאָען בליק, וואָס איז צונויפגעגאָסן מיטן הימל אַרום, ווי איינס.

אַלץ איז מיר פרעמד און עס נעמט מיך אַרום אַזאַ גיי־גער. עס ציט און שרעקט.

עס הויבט אָן טונקלען אַרום מיר. דאָס דערמאָנט מיך, ווי איך געפין זיך, אַז איך מוז אַהיים.

אז איך בין צוגעקומען צום נייעם מארק און האָב זיך צוריק געפונען צווישן יידן, האָב איך מיך ערשט באזינען וואָס פאר א זינדיקע מחשבות איך האָב געהאט. איך האָב מיר פאָר־גענומען מער אַהין נישט צו גיין.

נאָך צוויי יאָר, האָב איך געטראַכט, און איך וועל בר־מצווה, גיי ארויס פון טאטנס רשות. און א גרויסע מלחמה שטייט מיר פאָר מיטן יצר־הרע, גאָר אַ גרויסע מלחמה.

נאָכוואָרט

אין דעם דאָזיקן בוך האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שילדערן די פריסטע יאָרן פון דעם קינד, דעם אויפגאַנג פון אַ לעבן.

דאָס, וואָס עס האָט דעם קינד אַרומגערינגלט: דער הויף, דער סאָד, די שטוב, אַ פּאָר שכנים און דאָס חדר — איז געווען זיין גאַנצע וועלט.

דאָס איז בלויז דער אַריינפיר צו אַ לעבן.

די שווערע האַנט, וועלכע לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם יונגן קינד, רייסט אים שנעל אַרויס פון דער סביבה. ער פאַלט אַריין אין אַ שטורמישער צייט (דאָס פינפטע יאָר), וועלכע פליקט פון אים אַראָפּ די בושה, די פאַנטאַסטיק און די אויסזיכטלאָזיקייט פון דער אָרימקייט.

ער וואַנדערט איבער שטעט, וואָגלט פון אָרט צו אָרט. און אומעטום קומט אים אויס צו פירן אַן אייביקן געראַנגל מיט זיין נייגונג צו פאַנטאַזיעס, צו חלומען אויף דער וואָר, בעת דאָס לעבן שמידט אים צו צו אַ ווערק־שטאַט אויף פערצן שעה אַ טאָג.

דאָס אַלץ וועט געשילדערט ווערן אין די קומענדיקע ביכער, וואָס וועלן זיין דער המשך פון דעם דאָזיקן בוך.

דער מחבר

פון דעם זעלבן מחבר:

אינדרויסן

דערציילונגען

פאַרלאַג א. שקליאַר וואַרשע

1930

צו אַ נייער וועלט

נאָוועלן

פאַרלאַג „טורעם" וואַרשע

1933